# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Kheshbn No. 24 - October 1961 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/50p875tq

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 24(1)

### Publication Date
1961

### Copyright Information
Copyright 1961 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

# 24

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



אַרויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב
— און —
שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון"

טבת, ה'תשכ"א — יאַנואַר, 1961

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# אינהאַלט


אַבא קליגער: „אַ פּ ש ו י ם“ (פּאָעמע) — 3
כה אָמר דאָסטאָיעווסקי: (מאמרים) — 4
יחזקאל בראָנשטיין: „חלום־יידיש אין ליד אויף יידיש“ (רעצענזיע) — 5
אײדע מאַזע: „דער חודש כיסלוו“ (ליד) — 11
י. פרידלאַנד: „אין שעה'ן פון אומרו“ (דערציילונג) — 12
לוי גאָלדבערג: „ווי די באָבע לאה“ (ליד) — 19
ברכה קודלי: „דער בוים אונטער מיין פענצטער“ (ליד) — 20
מ. אָליצקי: „אין טאָג פון האַרבסט“ (ליד) — 21
מאַטעס דייטש: „מיט קאָפּ און מיט טראָפּ“ (רעצענזיעס) — 22
פינטשע בערמאַן: „ה ע נ ט“ (ליד) — 27
סאָלאָמאָן קאַהאַן: „אויף די וועגן פון קיום“ — 29
דניאל פּערסקי: „אין קרייז פון אייביקייט“ (עסיי—יידיש: ש.ע.) — 32
ז. בוניך: „דורך וועלכן זכות“ (ליד) — 33
משה גלאַזער: „ל ד ־ ל ד — ג“ (ליד) — 34
י. ריווין: „וועמען וועל איך רופן צו מיין בעט?“ (ליד) — 34
יצחק ביומאַן: „ר' ישראל בעל־שם־טוב“ (ביאָגראַפיש) — 35
לאָטי פּ. מלאך: „בען און זיינע פריינט“ (אַ קינדער־מעשהלע) — 39
י. ראַשעל: „אַ פּאָלקס־הויז מיט אַן אייגן פּנים“ (רעפּאָרטאַזש) — 42
גאָלדע שלאָסבערג־אַרפין: „חנוכה מיט אונדזער זיידן“ (פאַרצייכענונג) — 45
א. כראַבאָלאָווסקי: רעליגיעזע און וועלטלעכע יידישע דערציאונג — 48
יצחקי: מכות אייגענע און נאָענטע ענינים — 52
ליטעראַרישע נאָטיצן — 54
אַריינגעקומענע ביכער און זשורנאַלן אין דער רעדאַקציע — 57
אָפּרופן ־ באַגריסונגען — 58-59
יאָמב: די ערשטע געווינער פון דעם י. פרידלאַנד ליטעראַטור־פאָנד — 60



# "CHESHBON"

*Review of Literary and Cultural Activities*

**QUARTERLY PUBLICATION**

I. FRIEDLAND, *Editor*

4375 Sunset Drive — Los Angeles 27, Calif.

וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צום רעדאַקטאָר.

דאָס אַחריות פאַר די מיינונגען און געדאַנקען אין דער אויסגאַבע טראָגן די מחברים גופא.

מכח אַבאָנירן אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט ווענדעט זיך צום סעקרעטאַר:

A. CHRABOLOWSKY

1312 LYMAN PLACE — 108 — LOS ANGELES 27, CALIFORNIA

**אַבאַ קליגער**

# אַפּשווים

אויף אַ לויז-געקנופּטן ראַפּטער אין סוף-האַרבסטיקן טומאַן,
ביי זיין מאַפּע אַ פאַרגאַפּטער דרימלט וואַך דער קאַפּיטאַן.

ניט קיין ציטער פון אַ רעגונג, פון קיין אבר ניט אַ ריר,
בלויז אַ חלום אין באַוועגונג איז דער איינער פּאַסאַזשיר.

אים באַגלייט שוין מער ניט קיינער מיט אַ תפילה אין דער שטיל;
ניט קיין כליפּע פון אַ וויינער, ניט דאָס גרילצן פון אַ גריל.

אויף די ברעמען — טוי פון שטערן, אין די ביינער—מידע רו,
אויף זיין פּנים שאַרפער ווערן די צוויי זילבן: פון און צו.

פון זיין מאַנשטפּט, זיין גיטאַרע, צו די פּחדים ערגעץ **דאָרט**
איבער טיפן גראָ און שטאַרע אָן אָן אָנזאָג פון אַ פּאָרט.

זיין באַזינגטע טרייע שיף איז שטיקער ברוכוואַרג קאַלט און שטום;
— זאָל דאָס גאָלד פון זיינע שליפעס פאַר אים שיינען אָן אַ מום!

גאָלד אין ווערטן אויסגעכאָוועט פון די פונקען אין אַ פלינט— —
ווי קען העלזע, מי און כבוד זיין אַ כמאַרע וואָס צערינט?

ווי קען ווערן קלאָר פון דרימלען אָ-די ווערטער **דאָרט** און **דאָ**?
אויב אָן דעכער זענען הימלען, איז זיין וועלט אויך אָן אַ דנאָ.

אַרכיטעקט, מאַרין און מייסטער, ראָד און קאָמפּאַס פון זיין שיף;
ער, וואָס רייט מיט שטורעם-גייסטער, איז אַליין אַ יעראָגליף.

וואו זיך ווענדן אויפצוקלערן וואָס איז יאָ און וואָס איז ניין?
לידער פינקלען אוים פון שטערן, זונען לייטערן אַ שטיין.

ערגעץ זעט ער קאַראַוואַנען— — וואו אַ שיף — זיין קאַמאַראַד;
ווע‎ט ער פאָרשן זיין פונוואַנען און וואוהין דאָס נע-ונד.

פולע זעגלען, מאַסט און רודער, שטאַרקע ריפּן, יונגע שטריק;
מיט אַ ניי-ליד, פריש געדודער שווימען וואַנדערער צוריק.

קען ער מער צו זיי ניט גרייכן מיט זיין לשון פון אַמאָל,
ניט זיי ווייסן פון זיין צייכן, ניט ער הערט זיין אייגן קול.

זיי דערמאָנען בראַוונע שיפער, אַלטער יחוס פון אַ דור — —
מיילן איילן אַן אַ ציפער אויף אַ ים־ברייט פון אַ האָר.

אויפגעראַלטע צייט־דיסטאַנצן שטראָמען האַסטיקע גאַלאָפּ — —
ער אין מיט פון זיינע פּלאַנצן אָנגעהויפנט סנאָפּ אויף סנאָפּ:

זיינע גיטער, פּעדעסטאַלן, האָף און ציטער אין פּאַרוועט — —
אַלע פּרטים אין ספּיראַלן, יעדער פּרט — זיין סילועט.

יעדער בנין — ווי זיין ציגל, יעדער פּרי — ווי איר צווייט;
ערד און הימל זענען שפּיגל אויסגעשייינטע פון געמיט.

אַלע טוען אים באַגלייטן, אַלע וויקלען אויס אַ בריק
פון איין אָנענד צו אַ צווייטן פאַר אַן אָפּדעך און צוריק.

אַן די מאָנער בייז און ביניק, אַן דעם אויפליז פון ניט־זיין — —
מזרח־מערב איז אַלצאיייניק ווי צוויי טראָפּן קידוש־וויין.

— — — — — — — — —

ער, מיט קאַרגאָ אויף זיין רוקן, פון זיין אינוועלט — אויבערהאַר,
נעמט די מאַפּע איבערקוקן אַ געריייניקטער פון צער.

## כה אָמר דאָסטאָיעווסקי...

(עטלעכע פון זיינע עצות וואָס שרייבער מעגן פאָלגן...)

די גרעסטע מעלה פון אַ שרייבער איז — קענען מעקן, אויסמעקן. ווער עס קאָן און ווער עס איז בכוח אויסצומעקן ביי זיך, דער וועט גיין ווייט...

* * *

אַלע גרויסע שרייבער האָבן געשריבן בצמצומדיק, קאָנצענטרירט. און בעיקר, נישט איבערחזרן דאָס, וואָס איז שוין געזאָגט געוואָרן און דאָס וואָס איז שוין אַן דעם פאַרשטענדלעך...

* * *

די גאַנצע קונסט באַשטייט אייגנטלעך אין אַ געוויסער מאָס פון איבער־טרייבן, אָבער מ׳דאַרף זיך היטן נישט איבערצוכאַפּן די מאָס..

* * *

מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז נישטאָ גאָר אַ מער הייליקער, וואָס זאָל זיך מוסר־נפש זיין, ווי אַ דיכטער. ווי קאָן מען זיך טיילן מיט דער אייגענער פרייד מיטן פּאַפּיר? די נשמה פאַרמאָגט אַלע מאָל פיל מער, וויפיל ס׳איז מעגלעך אויסצודריקן אין ווערטער, פאַרבן אָדער אין קלאַנגען. דעריבער איז גאַנץ שווער צו לייזן די אידייע פון שאַפן...

יחזקאל בראָנשטיין

# חלום־יידיש אין ליד אויף יידיש

(מאַטעס דייטש: „צום נאָענטסטן שטערן יידיש")

ביים לייענען און אָפּשאַצן היינטצייטיקע ווערטן פון עכטער דיכטונג אויף יידיש לשון, איז כמעט ווי אָבליגאַטאָריש זיך צו רעכענען מיט דעם פאַקט, אַז אונדזער דיכטונג האָט זיך דערשלאָגן צו אַזעלכע ווייט־גרייכנדיקע קינסטלערישע הויכן, שפּראַכלעכן אויפשטייג און מוסטערהאַפטע פאָרמען, אַז צו אירע אייגנשאַפטן, וואָס פּאָעזיע בכלל איז אין זיך כולל, מעגן מיר ביי איר אויך מאָנען אַ צואייגענען צו זיך דעם אויסשליסלעכן עודף פון אַ יידישן הינטערגרונט, אפילו — טעמאַטיק, ווי אַ צוגאָב צו דעם אוניווערסאַלן און הומאַניסטישן כאַראַקטער פון אונדזער פּאָעזיע אין אַלגעמיין.



מאַטעס דייטש

די יידישע פּאָעזיע פון אונדזערע טעג איז אויף אַזוי פיל קאָלירפול און רייך, אַז אָפּגעזען דערפון, וואָס... דאָס פּנים פונעם לייענער, ווי מאַטעס דייטש דריקט זיך אויס אין זיין „פּאַרויסוואָרט" אין זיין לידער־בוך: „צום נאָענטסטן שטערן יידיש" — וואָס די פּאָעזיע ניי־טיקט זיך אין אים זייער שטאַרק, איז מיר פרעמד ווי דאָס פּנים פון גאָט.... — קען זי פונדעסטוועגן מער ניט פאַרטראָגן קיין סתם גראַמעריי, צי אפילו ווייס־פּעריזיקן שעטנז. צוליב דעם זיינען אונדזערע פאָדערונגען צו איר, אויסגעשפּראָכענע, און מיר דערוואַרטן פון יעדן דיכטער מיט טאַלאַנט, צו זיין עכט אין דעם אויספיר פון זיין טעמאַטיק און טאָקע ניט זיין גלייכגילטיק צו אונדזער יידישער לאַנדשאַפט און אויסגעשפּראָכענעם דראַנג צו פאַרפּנימען אונדזערע נויטן, און זיך באַמיען אויפצעהיטן אין דעם זיכרון פון אונדזער ליטעראַטור, כאָטש טיילווייז, די שפּורן פון אונדזער פאַרשוועכטן לעבן, וואָס אונדזער דור האָט נאָך געהאַט די זכיה ערשט צו האָבן געוועזן צו אים אַליין פאַרשותפט און אפילו געניסן פון אונדזער באַלד פאַרשוואונדענעם שטייגער און טראַדיציע.

די טעמאַטיק פון „פּאָעטישע געשטאַלטן", דער ערשטער ציקל לידער פון בוך „צום נאָענטסטן שטערן יידיש" פון מאַטעס דייטש, איז פאַר מיר דערפרייענדיק אין דעם זין, וואָס זי פּאַלט צענויף מיט דער טעזע, אַז פאַר אַ היינטצייטיקן יידישן פּאָעט איז אָבליגאַטאָריש אויף אַזוי פיל צו פאַרזינגען זיין דיכטונג מיט יידישער טעמאַטיק, אַז זי זאָל זיך איינפּאַך אויסטיילן און זיין אָנזעעוודיק מיט איר יידישן קלימאַט, פיל־פּנימדיקייט פון אונדזער איצט און אויך באַלד פאַרגעסענעם עבר.

וואַרפט זיך טאַקע אין די אויגן דאָס געשטאַלט פון ר׳ לוי יצחק, וואָס —
מיט דיר וויל איך זיך אויסטענהן
פאַר דיין אויסדערוויילטן פאָלק ישראל — — —

שרה בת טובים, וועמענס —
. . . איין האַרציקע תחינה פליסטערט פול מיט פאָלקס־געבעט — — —

דניאל —
מיטן יידישן חלום אקעגן יעדער טראַף — —

ברוך שפינאָזאַ, וואָס איז
. . . בשלום אַוועק
אַוואו דער ריינער, קאַלטער שכל הויערט.

פרץ, אין זיין
עלנט און אַליין, ניט אַרומגערינגלט פון פוילישע יידן — —

און אַ צאָל אַנדערע יידישע פערזענלעכקייטן און אויך אַ היבשע צאָל אַלוועלט־לעכע, וואָס פריער פון אַלץ אונטערשטרייכן זיי די היימישקייט פון דעם פּאָעט מאַטעס דייטש, מיט גאָר אַ סך היסטאָרישע פיגורן אונדזערע, וואָס דינען אים אַלעמאָל ווי אַ הינטערגרונט און שליסל צו אונדזער פיינפול אָבער קאָלירפול יידיש לעבן אין אַלגעמיין, און דינען אים דער עיקרשט ווי אַ סטימול צו זיין דיכטערישער עבודה, וואָס איז שוין צוליב דעם אַליין וויכטיק אין איר פאַרנעם און אויך וואָגיק אין איר פאַרמירונג און אויספיר, ווי אַן עודף צו דעם אויפזונג זיינעם אויף אוניווערסאַלע טעמעס.

די דיכטונג וואָס איז עכט, איז תמיד אַקטועל אין דעם אָפּקלייב פון אירע ווערטן. צוליב דעם, מיר דוכט — ווייסט זי ניט פון קיין אַלט צי ניי זיין, אין דעם זין פון אויסדרוק אין פאָרמען. ביי אַן עכטן דיכטער איז צוליב דעם די קלאַסישע פאָרם פון אויסדרוק, קיינמאָל ניט אין ווידערשפּרוך צי סתירה, צו דעם היינטצייטיקן פרייען פערז. אַ דיכטערישע פערזענלעכקייט קען דעריבער צו־געגליכן ווערן צו דער זון, וואָס גלאַנצט אַלעמאָל אַ דורכגאַנג און וועג צו באַ־לייכטן די וועלט, אין אַלע סעזאָנען פון יאָר. דערמיט מיין איך צו זאָגן, אַז אַ דיכטער מוז דווקא ניט זיין מאָדערן אין זיינע לידער, לויט די אָנגענומענע באַגריפן פון זיין צייט און זיין דור. ער באַדאַרף, מוז זיין און איז דיכטער, אין יעדער פאָרם זיינער פון אויסדרוק. צוליב דעם איז אייגנטלעך נישט נויטיק צו דעפינירן, וואָס אַזוינס עס מיינט מאָדערניזם, אויף וועלכן איך וועל אַלצאיינס שפּעטער אָנווינקען — אין דיכטונג. דיכטונג, ווי געזאָגט — אויב קינסטלעריש און עכט אין איר אויסדרוק — איז קיינמאָל ניט אַלט און אַלעמאָל — ניי.

ביים אָפּשאַצן די לידער פון מאַטעס דייטש איז דעריבער ניט שייך צו פרעגן, צי איז ער יאָ צי ניט אַ מאָדערנער דיכטער. אַ דיכטער איז ער — דאָס איז גענוג.

זיין אַריינזינגען זיך און אויפזינגען אַ טייל פון אונדזערע היסטאָרישע גע־שטאַלטן, דערצו ניט זעלטן, אויף אַ פּאַטעטישן אופן, טיילט אים אויס ווי אַ יידיש דיכטערישע פערזענלעכקייט מיט אויגן אין קאָפּ, וואָס זיינען מסוגל זיך צו פאַרטיפן, אַריבערשפרייזן דורות און תקופות און דערנענטערן דעם פריידיקן צי צער׳פולן עבר, צו דעם געזאַנג פון אונדזערע טעג.

זיין באַגייסטערונג פאַר זיין טעמאַטיק האָט אַ דורכאויס שעפערישע ווירקונג

אויף זיין לעקסיק, וואָס קוועלטביים אים צומאָל אויף מיט אַן אומגעריכטן גראַם, אָריגינאַלן אַסאָנאַנס, צי גאָר דעם אויפבלי פון אַ ביי וואָרט. דאָס וואָס עס געלינגט אים אָבער אין אַזעלכע פיינע פּאָעמעס, ווי „ארץ רויזענבלאַט", „משה חיים לוצאַטו", „פּרץ", צי „זישע לאַנדוי", אין וועלכע עס שפּירט זיך אַגב דער אויפלויכט פון זיינע עסייאיסטישע ביגונגען, וואָס דערמעגלעכן אים זיך צו דערשלאָגן צו דער תוכיקייט און כאַראַקטעריזירן אַ פּאָעט אין פּאַרשפּיצטע, פּאָעטישע שטריכן — גיט זיך אים ליידער ניט איין אין אַזאַ באַריידעוודיק צעשוואומענער, מאַמריסטישער פּאָעמע, ווי „משה זעט דאָס לאַנד", וואו דער גייעג נאָך גראַמען פירט אים פּשוט אַרונטער פון דעם דרך המלך פון וואָרער דיכטונג. דערפאַר איז ער אָבער פּאָעטיש רירעוודיק און איבערגעלאָדן מיט לויטער יידישע וויזיעס, אין זיין פּאָעמע „ווען יאָסעלע ראָזענבלאַט זינגט," וואָס ברענט ממש מיט יידישן פּאַטאָס צו אַזאַ גראַד, אַז

א שטיק הימל פאַלט פלוצלינג אַריין אין הויז<br>און לייגט צו צום שפּילקעסטל אַ גריילעכן אויער<br>אין קליינקייט, מע זינגט דאָך יאָסעלע ראָזענבלאַט...

די באַליבסטע טעמע ביי מאַטעס דייטש איז אָן יעדן ספק, אונדזער יידיש לשון. אויף דעם זאָגן עדות זיין פריערדיק בוך „מאַנדלברויט יידיש" און דער נאָמען פון זיין איצטיק בוך, וואָס דעמאָנסטרירט עס אויפסניי אויף דעם קלאָרסטן אופן.

מיין איינדרוק אָבער איז, אַז דווקא דאָ שטרויכלט ער. דער רוח הקודש פון עכטער דיכטונג, ווערט דאָ ביי אים אַרויסגעשטויסן פון אַ פּראָזע, וואָס הגם זי איז געשריבן אין קורצע שורות, פעלט איר אָבער אָפט דער צימצום, וואָג און גלייכגעוויכט פון פּאָעזיע, וואָס איז דער חוט השדרה פון אמתער דיכטונג, וואָס מוז פאַרכאַפּן מיט דעם אויפלויכט פון וויזיעס, אין אַ ריטם וואָס אַקצענ־טירט זיך אין אויסגעהאַמערטע פערזן.

זיין „שבט יידיש", כאָטש מערסטנטיילס געשריבן אין היבש פאַרוועריטערטע און פילצאָליקע פערזן, איז מיר דוכט, אַ דירעקטער המשך פון זיין בוך „מאַנדל־ברויט יידיש", אין וועלכן דער עפּיגראַם אין פערזן, דער אַפאָריזם — אין ברייטע פראָזע שורות, פאַרנעמען דעם אויבנאָן, אין וועלכן דער פּאָעט האָט אַגב זעלטן אָנגעשלאָגן אַ דורכאויס פּאָעטישן טאָן, וואָס זאָל זיין פאַרוויקלט אין דורכאויס דיכטערישע וויזיעס און אויסגעהאַמערטע פערזן, וואָס זאָלן זיך געדענקען.

ווי אַ דיכטער מיט דערפאַרונג, רייסן זיך אָבער אויך דאָ ביי אים אַרויס געלונגענע פערזן, ווי אין זיין פּאָעמע „יידישלאַנד," וואָס ווייטיקט מיט יידישן צער, גרויס התפעלות, פאָדערונג, גלויבן אין בטחון אין אונדזער יידישלאַנד, ווי למשל:

אויף די שלאַכטן פון דער וואָלגע,<br>אין וואַרשעווער געטאָ,<br>האָט דאָס לעבן פאַרגעסן אינעם טויט...

אַזאַ אויפזונג איז זיכער פאַרוואָרצלט אין דעם עקסטראַקט פון וואָרער דיכטונג, וואָס אַפּערירט מיט דער עשירות פון מחשבה און גאָר אָריגינעלע המצאות. דייטש זינגט ווייטער אַזוי:

אָט אויך אַזוי איז אונדזער יידיש שאַפן;<br>דאָס פילגילגולדיקע פאָלקסוואָרט — יידישלאַנד.

סע האָט פאַרגעסן אַז סע גייט אונטער,
און ס'איז אַרומגערינגלט מיט אונטערגאַנג
און האַלט דאָך אין איין שאַפן אַלץ נייע באַשאַפן,
פון וואונדער וואונדער איבער וואונדער — אַן אייגענעם וואונדער.

מיר דוכט, אַז ווען מאַטעס דייטש וואָלט זיך באַנוגנט מיט אָט־דעם וואונדער איבער וואונדער — אַן אייגענעם וואונדער, אים ניט אַזוי פיל וואַריאירט און עקספּלואַטירט, אים ניט אַזוי פאַרוועריטערט מיט אַזוי פיל רעטאָרישע זאָגעכצן, וואָלט זיין חסידישע באַציאונג צו יידיש, אַרויסגעקומען אַ סך וואָגיקער און ווירקזאַמער. ווען־ווען, מאַטעס דייטשן וואָלט מען בימי ה. לייוויק, א. לעיעלעס, אַברהם סוצקעווער און חיים גראַדע, ניט באַדאַרפט דערמאָנען אַן זיידע מענדעלעס אַ פאַרזאָג, אַז פון קונסט־ווערק באַדאַרף מען אַרויסקווטשן דאָס וואַסער, איידער מ'גיט זיי איבער אין רשות הרבים.

מאַטעס דייטש איז אין אַ געוויסן זין, אַ געדאַנקלעכער דיכטער. זינגט ער דאָך אין זיין ליד „מיין עשירות", וועגן דעם אַזוי:

איך בין דער ייד פון געדאַנק.

ער איז אָבער גלייכצייטיק אויך אַ צעכראַסטעטער און צעשוואומענער פּאָעט. זיין מחשבה נעמט צומאָל ביי אים די אויבערהאַנט, איבער זיינע עמאָציעס. אין דעם אויפבראויז און צעשוואומענקייט פון זיין געדאַנקען־עשירות, איז ביי אים אויך פאַראַן אַ ליידנשאַפטלעכע טענדענץ צו וועלן זיין אַנדערש. און כאָטש זיין שפּראַך איז אַ רייכע, טיף פאַרוואָרצלט אין אַ אידיאָמאַטישן יידיש, וואָס שפּרודלט ממש מיט פאָלקישקייט און איז גלייכצייטיק אויך איבער־געזעטיקט מיט אַ זעלטענער עשירות פון העברעאישע עלעמענטן, וואָס גיבן בכלל צו אַ סך וואָג און קאָליר אונדזער יידיש לשון, פאַרלירט ער זיך אָבער ניט זעלטן אין אַ מישמאַש פון געאַנדערשטע ווערטער, דערצו נאָך אין שלעכטע גראַמען, וואָס לאָזן איבער הינטער זיך אַ שלעכטן צי גאָר געשמאַקלאָזן נאָך־טעם, וואָס דערפירן דעם עיקר — אַ טייל פון זיין דיכטונג — צו פּוסטן אָנשטעל, אַ רעטאָריק פון וועלכער ער וואָלט זיך שוין לאַנג צוריק געמעגט באַפרייען.

ווי אַ מוסטער פון געדאַנקלעכע לידער ביי מאַטעס דייטשן, קענען דינען זיינע לידער א.ב. „פלאַם פון מיין שטאַם", וואָס פיבערן אָגב אויך מיט דעם שטאָלץ פון זיין ייד־זיין און יידישקייט־באַוואוסטזיין, אין צומאָל גאָר גוטע לידער, כאָטש ניט זעלטן צו אָפן און דעקלאַראַטיוו.

נישט דער ברענענדיקער נישט־פאַרברענטער דאָרן־בוש —
דער לעצטער שמע־ישראל קוש
ברענט און זוערט נישט פאַרברענט.
דאָס איז דאָס וואָרט פון זיין אומה — דער
...ברענענדיקער עץ־החיים פון אונדזער פאָלקס־מאַמע יידיש.

די לידער א.ב. „פּאָעטיש, וואָרטיש, ווערטיש" ווערן ממש פאַרטראַנקען פון דער באַריידעוודיקייט פון דעם פּאָעט, אַרום דעם יום־טוב פון זיין אייגענער עבודה, אַרום זיין אייגענעם ליד. כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דיכטער איז זיין אייגענער זאָג:

ווען ניט דאָס לעבן פאַרן שעפערישן וואָרט,
פאַרשטיינערט געוואָרן וואָלטן מיר אויפן אָרט.

און אין זכות דערפון וואָס ער גלויבט אין דער שעפערישקייט פון זיין וואָרט, איז ער אונדז מזכה מיט אַזוי פיל געזאַגטע, געדאַנקלעכע לידער, וואָס געשטאַלטיקן אים ווי אַ דיכטער ביי יידן, וואָס איז אויך אַזוי פיל פאַרגלויבט אין דער שליחות פון זיין וואָרט, אַז ער האָט אַזש דעם מוט צו איראָניזירן איבער דעם מלאך־המות און זינגען:

אַוועק פון אים, דו מלאך־המות, דו!
ער טראַכט אַצינד, ר׳ מאַטעסל טראַכט.
ווייס, ווען ער טראַכט — דער עיקר—יידישע פאַרטראַכטונג,
און דער מלאך החיים דערנעבן, הי רעכטע האַנט,

אין דער חכמה זיינער, צו פאַרשותפן צו זיך די... יידישע טראַכטונג... ליכטיקט במילא אויף דער אַראָמאַט פון ליד.

מיט דעם כוח פון פען, וואָרט און ליד, איראַניזירט, שלאָגט און טרייבט אָפּ פון זיך דעם טויט מאַטעס דייטש, אַז אים דוכט זיך אַזש, אַז —

עס ווערט דער אַכזריותדיקער טויט הכנעהדיק שטיל...

און ווילן וויל ער ניט אַנדערש, ווי —

...זיך מיט פלאַם באַהעפטן,
איך וויל מגולגל ווערן אין פייער.

דער עיקרשט און טאַקע צוליב דעם, ווייל —

מיין ירושהדיקער, יידישער שטאַם איז גאַלע פייער.

זיין יידישקייט באַוואוסטזיין גייט אים פאָראויס ווי אַן עמוד ענן בייטאָג און ווי אַן עמוד אש ביינאַכט, און באַלייכט אים זיין פאָעטישע מחשבה. צוליב דעם איז ער טאַקע אָפט זייער רירנדיק, איבערהויפּט אין אַ צאָל פון זיינע געזאַנגען א. ב. „פייערדיקע פייגעלעך אינעם דיכטערס קאַמין“, וואו עס קומען טיילווייז צום אויסדרוק זיינע צער־געפילן אויף אונדזער גרויסן חורבן.

מיט אַלע קדושים און מאַרטירער פון דער וועלט
בין איך אין אַלע צייטן פילמאָל מיטגעשטאָרבן,
מיטן יידישן חלום אַקעגן . . .

קלאָגט־אויף זיין געזאַנג. דערביי איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דער יידישער חלום איז דאָס באַגלייט־פייגעלע אויף אַלע זיינע וועגן און אומוועגן פון זיין דיכטערישן לעבן. אַזוי אויך אין זיין אַביסל צו לאַנגער פאָעמע אויפן נאָמען פון דער זעלבער סעריע לידער, אין וועלכע ער באַטאָנט:

איך פלי. איך פלי מיט אַלע פייער־פייגעלעך אַהער־אַהין
און מיט די זעקס מיליאָן וואָס וויכערן אין מיין קאָמין
מיטן יידישן חלום — אַקעגן — — — —

דער יידישער חלום טוט זיך ניט אָפּ פון זיין ליד, יומם ולילה.

די צווייטע העלפט פון זיין ליריש ליד „אַן אַלטער רעקאָרד“, איז מוסטערהאַפט און שיין, פול מיט דעם פּאַטאָס פון אַ לירישן זינגער. ביים אָנהויב לייענט זיך עס אַזוי:

איך בין אַליין אין אָקטאָבערדיקן וואַלד,
קיינער איז ניטאָ לעם מיר.
די שטילקייט רעדט ווי שטענדיק . . .

און עס פאַרענדיקט זיך אַזוי:

איך בין אַליין און נער זיך מיט דער אַליינקייט
ווי גאָט אין ליכט און אין פינצטערניש —
און ווי ער — ווייס איך ניט
וואו איך הויב זיך אָן
און וואו איך ענדיק זיך.

ווען מאַטעס דייטש זאָל זיך האַלטן אין די ראַמען פון אַזאַ צימצום, ווי אין אָט־דעם זעלטענעם לירישן אויפזונג זיינעם, וואָלט ער אָן יעדן ספק מער דער־גרייכט ווי מיט דער איבערוועגנדיקער מאָס פון כמות אין אַ גאַר גרויסער צאָל פון זיינע באַריידעוודיקע לידער.

די שיינקייט פון פּאָעזיע ליגט, אין איר דראַנג נאָך אייביקער באַנייאונג. ווי כוואַליעס אויף דעם ים וואָס באַמיען זיך אין זייער סטיכיע אַריבערצויאָגן איינע די אַנדערע, אַזוי באַמיט זיך די פּאָעזיע פון איין דור, אַריבערצויאָגן די פּאָעזיע פון אַ פריערדיקן דור. אין אָט־דעם געיעג און זעלטענע דערגרייכונגען אַנטפּלעקט זיך, מיר דוכט, דער סוד און די דעפיניציע פון מאָדערניזם אין דיכ־טונג, וואָס מיינט פשוט: היינטצייטיקייט.

מאַטעס דייטש, מיר דוכט, כאַפּט אַ היבש ביסל איבער די מאָס, אין זיין געיעג צו וועלן זיין אַנדערש און מאָדערן, אין זיין דיכטונג. זיין באַריידעוודיקייט אַליין, דערצו נאָך דער אָנווענד פון מאָדנע שווערע ווערטער אין זיין דיכטונג, ווי למשל: ליבטיזם, וואָרטאַליזם, אַלעראַלץ, אַרומרום, סאַטורנאַליע, אויטענטיק, אויפמערווירדיקייט, עקזיסטענצעלן, עלעקטראָפּירט, טויטאַלן, איצטשאַפּט, אויס־געהערן, געשטילטיקט, חומשטימלעכן־מאָמענט, און ענלעכע ווערטער, פאַלן שווער אויף דעם געמיט פון אַ לייענער פון פּאָעזיע, אין וועלכער זיי פּאַסן זיך אַבסאָלוט ניט אַריין, און זיי זיינען דער דירעקטער גורם פון אַ פאַרקערטער ווירקונג; אַנשטאָט צו הויבן־און־דערהויבן די שטימונג ביים לייענער, שטויסן זיי גאָר אים אַרויס־און־אַוועק פון אַזאַ דיכטונג, צוליב דעם פשוטן טעם, וואָס אַזאַ נאַאיוו אַפּערירן מיט אומקלאָרע ווערטער אין פּאָעזיע, שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָנוואוקס פון ווילדגראָז, וואָס ניט די דיכטונג און זיכער ניט דער געדולדיקער לייענער, אפילו דער בעסטער, וויל, באַדאַרף און קען עס פאַרטראָגן און טאָלערירן.

פּאָעטן פון אַלע גראַדאַציעס זיינען חוץ בעלי חלומות, אויך באַהערשט פון אַ באַשטימטער תמימות, וואָס גיט זיי צו דעם חן פון צעבאַלעוועטע קינדער. אָט־די תמימות ביי מאַטעס דייטשן טוּכט אַרויס פון דעם סטיל פון זיינע לידער, וואָס איז ביי אים אַלעמאָל פאַרוועבט אין זיין מחשבה און פאַרקליידט זיך אויך ניט זעלטן, אין אַ דורכאויס פּאָעטישער המצאה, וואָס רייצט מיט איר שיינקייט.

דער ים איז אַ חלום וואָס זוכט זיך שטענדיק אַרומעט
און קאָן זיך אַליין און זיין טרוים ניט געפינען.

דריקט עס, מיר דוכט אויס, אַמבעסטן.

ווי אַ היינטצייטיקער פּאָעט וואָס צערטלט און ציטערט אַזוי איבער דעם גורל פון אונדזער נאָענטסטן שטערן יידיש, האָט מאַטעס דייטש אָן יעדן ספק צוגעטראָגן זיין אייגענעם צושטייער צו דעם אוצר פון אונדזער קאָלירפולער און רייכער דיכטונג אויף יידיש־קודש, וואָס געפינט אַן אויסדריק אין זיינע טעמעס אויף יידישע מאָטיוון, ים־ און קאַליפאָרניע־לידער, טויט און קידוש־השם מאָמענטן, אוניווערסאַלע טעמעס און דער עיקרש, אויף זיין באַליבטער טעמע — צום נאָענטסטן שטערן יידיש, חלום־יידיש אין זיין ליד אויף יידיש.

איידע מאַזע

# דער חודש כיסלו

1

דאָס איז דער חודש פון וועלקונג און קאַלטע דופטן,
דער אומעט ליגט שווער אויף די נאַקעטע פעלדער;
דער נאַכגעשריי פון פייגל הענגט אין דער לופטן,
דער יאָמערדיקער ווינט הויכט אוים זיין אָטעם אין די וועלדער.

עס בלאַנזשען אין רוים ווייסע קוימען־רויכן,
עס פליען אום בלעטער אין רעש און בהלה;
דער שאַרף־האַרבסטיקער פראָסט נעמט אַרום אַלע הויכן,
און נעמט איבער אין זיין רשות די גאַנצע ממשלה.

עס פאַלט ווי אייזן אויפן ברוק דער טראָט
און הילכט מיט אומהיימלעכע בשורות באַהאַלטן;
באַלד ווערט די נאַכט מיט גרויען דראָט
פאַרוועבן דעם הימל מיט צפון־ליכט קאַלטן.

ס׳איז דער חודש פון אומעט, קעלט און דאַרבן,
ט״ו כיסלוו זיינען מיין טאַטע און מיין באָבע געשטאָרבן.

2

מיין טאַטע האָט געפאַסט אַכט און פערציק תעניתים,
אָפגעהיט מיט פרומקייט דער באָבעס יאָרצייט־טאָג;
מיט תהילים און קדיש, צווישן יידן אין טליתים,
ווי איינער היט אָפּ זיין טייערסטן פאַרמאָג.

צו אַכציק יאָר, אַז מיין טאַטע האָט אָפּגעזאָגט ווידוי,
און אַ הימלישע בלייכקייט האָט באַדעקט זיין געזיכט;
האָט ער אונדז צוגערופן און אָנגעזאָגט אונדז, קינדער,
ניט פאַרגעסן היינט אָנצינדן צו דער באָבעס יאָרצייט אַ ליכט.

ער איז געשטאָרבן צום טאָג און צו דער שעה פון זיין מאַמען,
אונטערן ציטערדיקן שאָטן פון איר יאָרצייט־קנויט;
און האָט אויסגעהויכט דעם אָטעם, רופנדיק איר נאָמען,
ווי ער וואָלט אויף דער באַהעפטונג פון לאַנג זיך געגרייט.

און אַז מען האָט אָפּגעהויבן דעם טאַטן צום דיל צום קאַלטן,
און פאַרדעקט מיטן צודעק זיין באַרואיקטן געזיכט;
האָבן איבער אים תהילים געזאָגט צוויי יידן אַלטע,
און מיר האָבן צוגעשטעלט צו דער באָבעס יאָרצייט, נאָכ׳ן טאַטן אַ ליכט.

**י. פרידלאַנד**

# אין שעה׳ן פון אומרו

(דערציילונג)

דוד זעליגמאַן, אַ ייד אין די אַנהייב פערציקער, איז געזעסן אין זיין קליינער קראָם פון „שניטוואַרג" און אַרויסגעקוקט אויף אַ קונה. נישט זייענדיק שטאַרק באַשעפטיקט, האָט ער צייט געהאַט נאָכצוטראַכטן וועגן זיין פּערזענלעכן מצב, און בעיקר, וועגן זיין פּאַרהייראַט לעבן. לעצטנס האָט אים באַאומרואיקט אַ מאָדנער געפיל, און אַ האַרבע מחשבה האָט געעגבערט זיין מוח. אַ חשד האָט אים אָנגעהויבן פּאַרפאָלגן, אַז זיין פרוי בערטאַ, מיט וועלכער ער איז שוין פאַרבונדן אַ קנאַפּע אַכט יאָר, איז עפּעס צו אים לעצטנס ניט אַזוי ליבלעך אָדער אפילו פריינדלעך ווי אין די ערשטע פּאָר יאָר פון זייער הייראַט. זיצט ער איצט, זעליגמאַן, אין קראָם און גיט זיך אָפּ אַ מין חשבון הנפש; גלידערט פאַנאַנדער זיין לעבנס־גאַנג, און בעיקר, זיין איצטיק שווער געפיל אין שייכות מיט זיין פרוי, וואָס דריקט אויף אים ווי אַ קאָשמאַר אויף זיין האַרצן.

בערטאַ איז ביי זעליגמאַנען די ערשטע פרוי. געווען איז ער אַן אַלטער בחור ווען ער האָט חתונה געהאַט. זיין מאַטעריעלער מצב איז געווען נישט קיין שלעכטער. הגם ער האָט געהאַט כלערליי געלעגנהייטן חתונה צו האָבן אַ סך פריער, איז ער אָבער געווען שטאַרק סקעפּטיש בנוגע דעם ענין פון הייראַט. פאַרבינדן זיך און פאַרקניפּן זיך מיט אַ פרוי, האָט ער געהאַלטן, מיינט פשוט, אין אַ גרויסער מאָס, פאַרלירן די פרייהייט וואָס מ׳האָט. האָט ער דעריבער אָפּגעוואָרפן פון זיך יעדן אָנבאָט. חוץ מזה, האָט ער זיך אָנגעזען און אָנגעהערט פון זיינע נאָענטע פריינט און באַקאַנטע פּאַרלעך, געננג אומצופרידנקייטן און אפילו מחלוקתן צווישן זיך, וואָס עווענטועל האָבן געפירט צו אומטרייהייט און צושייד.

צוליב דעם טאַקע האָט זיך געשאַפן ביי אים אַ מאָדנער קאָמפּלעקס פון אומצוטרוי צו פרויען; אויך צוליב זיינע פּערזענלעכע דערפאַרונגען וואָס אים איז אויסגעקומען צו האָבן מיט פאַרהייראַטע פרויען, צוליב די דערמאָנטע סיבות האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן צו פאַרבינדן זיך אין הייראַט.

דאָס מיינט אָבער ניט אַז ער האָט לגמרי פאַרטריבן פון זיך אַזאַ מחשבה. פון צייט צו צייט פלעגט ער פונדעסטוועגן יאָ אַ טראַכט טאָן און זיך אפילו אויסמוסרן: איז עס דען אַ תכלית צו בלייבן אַן אַלטער בחור? האָט עס דען אַ זין זיך תמיד צו יאָגן נאָך אַנדערע פרויען? „שפּרינגען אין פרעמדע גערטנער"? מיט ניט ווייניק מורא און האַרץ־צאַפּלעניש... און פאַרוואָס טאַקע נישט אַ טראַכט טאָן וועגן שאַפן אַ פאַמיליע, לאָזן נאָך זיך יורשים, ווי דער סדר העולם איז?...

אין אַזעלכע מאָמענטן פון מעדיטאַציעס פלעגט ער צו זיך אַ זאָג טאָן: פונדעסטוועגן, דודל, ווען ס׳וועט זיך דיר מאַכן עפּעס אַ פּאַסיקע פרוי, וואָס וועט דיר באמת פאַראינטערעסירן, וועסטו נישט אָפּוואַרפן די געלעגנהייט...

זיצט ער איצט אין קראָם, זעליגמאַן, און דמיונט וועגן זיין איצטיקן מצב און רופט אַרויס ביי זיך יענעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך באַקאַנט מיט זיין פרוי בערטאַ; ווי מאַגנעטיש ער איז מיטאַמאָל צו איר צוגעצויגן געוואָרן, און ווי אַלע זיינע ספקות און אויסזעצונגען קעגן פאַרבינדן זיך מיט אַ פרוי זיינען צעשוואומען געוואָרן ווי אַ האָגל אין אַ זומער־טאָג...

געווען איז עס טאַקע אין אָט־דער זעלביקער קראָם, מיט קנאַפּע אַכט יאָר צוריק, אין אַ מסחר׳לאָזן טאָג, ווי היינט. האָט ער אויך דאַן אַרויסגעקוקט אויף אַ קונה, ווי אַן אָרעמאַן אַ ייד, אויף שבת. אין יענעם מאָמענט — ער געדענקט עס ווי איצט — האָט זיך מיטאַמאָל די טיר פון זיין קראָם געעפנט, און בערטאַ, זיין איצטיקע פרוי, מיט נאָך אַ ווייבל, זיינען אַריינגעקומען און האָבן זיך פאָרגעשטעלט פאַר אים: היות זיי פאַרטרעטן די יידישע קינדער־שול אין די „הייטס", זיינען זיי געקומען צו אים מיט אַ בקשה, ער זאָל זיין אַזוי פריינדלעך און מנדב זיין אַביסל „שניטוואַרג" פאַר דעם באַזאַר לטובת דער שול.

זעליגמאַן דערמאָנט זיך איצט, ווי ער האָט לאַנגזאַם אָפּגענומען דעם „קרעדענשל" פון בערטאַס האַנט. קוקנדיק דורכדרינגענדיק אויף איר, האָט ער אַביסל מיושבדיק, לאַנגזאַם איבערגעלייענט די ווענדונג פון דער שול. און הגם ער איז בישט געווען קיין באַזונדערער אָנהענגער פון דער אידייע פון אַ ספּעציעלער יידישער שול; ער האָט גאָר געהאַלטן, אַז די אַמעריקאַנער „פּאָבליק סקול" איז גוט גענוג פאַר די יידישע קינדער, דאָך האָט ער דאָס מאָל תיכף ניט אָפּגעזאָגט זייער בקשה, ווי זיין טבע איז געווען, און ווי ס׳איז שוין באַקאַנט געווען צווישן די שול־טוערינס, וואָס פלעגן קומען צו אים פאַר אַזעלכע צוועקן.

זעליגמאַן האָט פּאַמעלעך אַרויסגעהויבן די אויגן פון דעם איבערגעלייענטן בריוו און לאַנגזאַם האָט ער אים אָפּגעגעבן בערטאַן אין האַנט אַריין. אין דעם זעלביקן מאָמענט האָט ער מיושבדיק און מיט אַ באַזונדערן נייגער זי באַטראַכט: זיין בליק האָט אַרומגעוואַנדערט איבער איר, ווי ער וואָלט איר אָפּגעמאָסטן מיט זיין געניט אַלט־בחוריש אויג... ס׳איז געווען צו מערקן, אַז בערטאַ איז אים געפעלן געוואָרן פון ערשטן אויגנבליק. איר לויכטנדיק געשטאַלט, איר באַשיידענער אָנציִענדער אויסזען האָט אים פאַרכאַפּט און שטאַרק אימפּאָנירט, ווי וועלכע אַנדערע פרוי ביז איצט. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען אַ יונגפרוי, כמעט אין זיין עלטער, מיט אַ שיין, ראַפינירט, סימפּאַטיש פנים; איידעלע געזיכט שטריכן; ליכטיק בלויע אויגן, ווי דער קלאָר בלויער קאַליפאָרניער הימל; אויגן אַזעלכע פאַרחלומטע, בענקענדיקע, וואָס אים האָט זיך געדוכט, אַז אָט וועט ער אַרויסלייענען פון זיי אירע טראַכטענישן און מחשבות. אויך איר הויט פון פנים, אַזאַ גלאַט זייבערע, און איר גאַנץ געשטאַלט איז געווען אַזוי שלאַנק און בויגיק ווי אַ יונג צעדער־ביימל...

הגם זעליגמאַן האָט יענעם טאָג טאַקע ווייניק געלייזט, און ביי געוויינלעכע „נאָרמאַלע" באַדינגונגען וואָלט ער זיכער די פרויען אַרויסגעלאָזט מיט ליידיקן, אָנגעבנדיק דעם באַקאַנטן תירוץ, ווי תמיד, אַז ער האָט נאָך היינט ניט געלייזט קיין פרוטה אפילו — דאָך האָט ער דאָס מאָל ניט פיל נאָכגעטראַכט און האָט כמעט ווי אימפּולסיוו אָנגעהויבן אַרונטערצונעמען פון אַ פּאָר פּאָליצעס כלערליי „רעמנענטן", ווייבערשע פאַרטוכער, קינדערשע אָנטועכצן, און שווייגנדיק צוזאַמענגעלייגט אין אַ היפּשן געפּעק.

די ווייבלעך, איבערראַשט פון זיין איצטיקער ברייטהאַרציקייט, האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פאַרחידושטע בליקן: וואָס מיינט דאָס? מה זאת?! וואָס עפּעס מיטאַמאָל איז דער אַלטער בחור אַזוי פרייגעביק געוואָרן?... ער איז דאָך עפּעס לגמרי גאָר אַנדערש ווי מ׳פלעגט וועגן אים און זיין קמצנות רעפּאָרטירן אין דעם שול־קרייז . . .

— דאָ האָט איר, מיינע ליבע פרויען, אַ היפּשן געפּעק מיט גוטער גאַנג־באַרער סחורה פאַר אייער באַזאַר. ס׳דאַרף אייך אַריינברענגען אַ פיינע מטבע! זעט אָבער פאַרטאַכליעוועט עס ניט! ווי איך האָב געהערט, גיט איר אַוועק די זאַכן בחצי חינם. אמת, ס׳קאָסט אייך טאַקע גאָרנישט, אָבער, סתם אַוועקגעבן דאַרף מען אויך נישט . . .

בערטאַ האָט מיט אַ פריינדלעך שמייכלענדיקן בליק צו אים, באַרירט דעם פּאַק זאַכן, צי ס׳איז נישט שווער זיי זאָלן עס מיט זיך מיטנעמען. זעליגמאַן האָט עס באַמערקט און האָט פריינדלעך אַ זאָג געטאָן:

— ניין, ניין ליבע פרוי, זייט אייך נישט מטריח, ס׳איז אַ צו שווערע משא פאַר אייך צו טראָגן. כ׳וועל עס באַך היינט אָוונט אַליין מיטברענגען צו אייער באַזאַר.

— איר וועט דאַרטן זיין היינט אָוונט? — האָט ער כמעט ווי דירעקט געפרעגט בערטאַן.

ביים געזעגענען זיך האָבן די פרויען אים הארציק באַדאַנקט, געבנדיק אים די הענט. בערטאַס האַנט האָט זעליגמאַן אינסטינקטיוו געהאַלטן אַביסעלע לענ־גער און אירע ליכטיק בלויע אויגן האָבן אים מיט אַ ליבע וואַרעמקייט אַדורכ־גענומען... ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַז ער האָט עפּעס ווי זיך אַ צאַפּל געטאָן. ער איז געבליבן זיצן אַביסל פאַרחלומט און דערנאָך כמעט ווי אין דער הויך אויסגערופן: הייסט עס אַז „יבוא יומו", ס׳איז ענדלעך אויך געקומען מיין טאָג... יאָ, זי געפעלט מיר! מ׳דאַרף זיך דערנענטערן. מיין געפיל נאַרט מיר נישט אָפּ. זי וואָלט געוווען פאַר מיר אַ פּאַסיקער שידוך...

די ווייבלעך, אַרויסקומענדיק פון זיין קראָם, האָבן נישט געקאָנט זיך שוין מער איינהאַלטן און ביידע האָבן, ווי פאַרשייטע יונגע מיידלעך, אין גאַס אויסגע־שאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער פאַר פריידן וואָס זיי איז געלונגען אַזוי אומ־געריכט אַרויסצובאַקומען ביים אַלטן קאַרגן בחור אַזאַ היפּשן פּאַק סחורה, וואָס וועט פאַרצוקערט ווערן ביים באַזאַר...

— ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, בערטאַ, אַז ווען נישט דו, וואָלט קיינער נישט געקענט ברעכן זיין האַרט־האַרציקייט. האָסט געדאַרפט זען מיט וואָס פאַר אַ ראָמאַנטיש פאַרחלומטע אויגן ער האָט דיך אָפּגעמאָסטן און דורכגע־דרינגען! כ׳קאָן שווערן, אַז ער האָט זיך אין דיר איינגעליבט פון ערשטן אויגנבליק! . . .

— מילא וואָס דיר קען איינפאַלן — האָט בערטאַ געפּרוּווט אָפּווענדן דעם געשפּרעך — דו ווייסט זייער גוט, אַז וואָס שייך מיר איז מיר נאָך אַלץ שווער אפילו אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם. ווי קען איך פאַרגעסן מיין ליבן, טייערן דב׳עז, וועמען דער טויט האָט אַזוי אומדערבאַרעמדיק פון מיר אַוועקגעריסן. מיר דוכט אַז מיר וועט זיין שווער זיך צוצופּאַסן צו אַן אַנדערן...

— נו, מ׳קען דאָך אָבער נישט אויפגעבן דאָס לעבן כל זמן מ׳לעבט! ביסט נאָך יונג און שיין, בערטאַ, און האָסט נאָך פאַר זיך אַ ליכטיקן מאָרגן...

— לאָמיר וועגן דעם נישט ריידן, טייערע — האָט בערטאַ כמעט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ אָפּגעשטעלט דעם געשפּרעך.

* * *

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט געבושעוועט דאָ אין לאַנד אַ זייער שטאַרקע אינפלוענציע און צענדליקער טויזנטער מענטשן זיינען דאַן אומגע־

קומען פון דער האַרבער חלאת. בערטאַס מאַן, דן סאַפיר, האָט עס ניט אויס־געלאָזן, און נאָך דער שווערער אויסמאַטערנדיקער קרענק איז ער נפטר געוואָרן. נאָך דעם גרויסן אומגליק האָט בערטאַ זיך איינגעשלאָסן מיט זיך אַליין אין גרויסן צער און בענקשאַפט נאָך איר ליבן דנ'ען און האָט זיך נישט געוויזן אין געזעלשאַפט.

ווען דן סאַפיר האָט געלעבט, האָט בערטאַ מיט אים אַנגעהערט צום דראַמאַ־טישן און געזאַנג פאַראיין, פון וועלכן ער איז געווען דער גרינדער. ענערגיש ביז גאַר, איז ער ניט נאָר געווען דער גרינדער פון פאַראיין, נייערט ער איז אויך געווען אַ געשמאַק באַטעמטער זינגער און רעציטאַטאָר, וואָס איז געווען אַ נחת־רוח אים צו הערן. בערטאַ און דן זיינען געווען אַן אידעאַל פּאָרל, וואָס ווייניקער גליקלעכע האָבן זיי שטאַרק מקנא געווען. חוץ מזה, איז דן פּאַפיר געווען אַ שיינער מאַנספּאַרשוין: אַ כוואַליעדיקער געדיכטער שיינער קאָפּ שוואַרצע האָר האָט באַקרוינט זיין אַרטיסטיש שיין ראָמאַנטיש פּנים; און ווען דן פלעגט פון דער אימפּראָוויזירטער בינע אין זיין דראַם־קרייז אויסזינגען זישע לאַנדאַס ראָמאַנטיש ליד: „אין דער פינצטער", אָדער אברהם רייזענס: „איך קוש דיר מיט אויגן פאַרמאַכטע", זיינען אַלע הינגעריסן געוואָרן מיט עקזאַלטירנדיקע פרייד און נאָסטאַלגישע בענקשאַפט . . .

ווען דאָס גרויס אומגליק האָט אים געטראָפן איז ער נאָך געווען אין בליען־דיקן עלטער און צו בערטאַס צער און טרויער איז גאָר קיין שיעור נישט געווען.

ווען די שול־באַוועגונג האָט זיך דאָ צעבליט, זיינען דער גרעסטער טייל פון דעם דראַם־קרייז געוואָרן אַקטיוו אַרום דער שול און די נאָענטע פריינט פון בערטאַן האָבן סוף־כל־סוף משפיע געווען, אַז זי זאָל זיך שוין באַפרייען פון איר סטאָאישער נזירות; ווערן אַקטיוו מיט דער וויכטיקער אַרבעט פון יידישער דערציאונג.

* * *

אין דעם זעלביקן טאָג וואָס בערטאַ און איר פריינדין, די צווייי שול־טוערינס, זיינען געווען ביי זעליגמאַנען אין קראָם, און ער האָט זיך אַזוי שיין פאַרגעשטעלט פאַר זיי, האָט זעליגמאַן דעם זעלביקן אָוונט, ווי ער האָט זיי מבטיח געווען, גע־בראַכט דאָס געפּעק מיט „שניטוואַרג" צום באַזאַר און נאָך זאַכן וואָס ער האָט געהאַלטן פון אַ גאַנץ קליינעם שאָדן צו זיך... זעליגמאַן האָט זיך תיכף געמאַכט היימיש, ווי אַן אייגענער: געוויזן בערטאַן, ווי און ווי אַזוי צו נומערירן די פרייזן פון יעדער זאַך באַזונדער, און, אַלס פּראַקטישער קרעמער, האָט ער די שול־טוער געגעבן עצות, אָנגעוויזן די ווערט פון יעדער זאַך באַזונדער. מען האָט אים דאָרטן אויפגעכאַפּט ווי אַן אבן־טוב... צוליב בערטאַן האָט זעליגמאַן אָנגעהויבן קומען צו די שול־יום־טובים און אונטערנעמונגען און אויך נישט פאַרפעלט צו געבן אַ גרעסערן ביישטייער פון אַנדערע פאַר דער שול.

זעליגמאַן איז געוואָרן וואָס אַמאָל נאָענטער צו בערטאַן און ס'איז געוואָרן כמעט ווי פאַרשטענדלעך און נאַטירלעך, אַז בערטאַ און זעליגמאַן וועלן זיך משדך זיין. צום סוף האָט בערטאַ מסכים געווען צום שידוך, ראשית, צוליב דער גוטסקייט, וואָס זעליגמאַן האָט אַרויסגעוויזן צו איר, והשנית, צוליב זיין איבערגעגעבנקייט צו דער שול־אַרבעט וואָס ער האָט טאַקע צוליב איר אַזויפיל געטאָן און וואָס איז שטאַרק אָפּגעשאַצט געוואָרן פון דעם שול־קרייז און פון אירע פריינט . . .

במשך די 8 יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן געדענקט ניט זעליגמאַן, אַז ער זאָל געווען האָבן מיט בערטאַן פאַרגעניגנדיקע מאָמענטן פון אמתער קעגנזייטיקער ליבע און איבערגעגעבנקייט. ער, מיט דעם פייער פון אַ געזונטן מאַנסביל, מיט שטאַרקע ליבע־עמאָציעס צו דער פרוי, וועלכע ער האָט ליב, האָט נישט געפונען ביי איר דעם וואַרעמען אָפּרוף נאָך וועלכן ער האָט געבענקט און דערוואַרטעט. איר באַציאונג צו אים איז געווען אַן אַ פונק פון עקסטאַז און טעמפּעראַמענט. און כאָטש זיי האָבן צווישן זיך קיין מחלוקת ניט געהאַט (וואו ס'קומט געוויינלעך פאָר אין „אַזעלכע פאַלן") האָט זיך אָבער ביי זעליגמאַנען אַנגעקליבן אַ קנויל פון ניט באַפרידיקטע וואונטשן און פאַרלאַנגען. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז איר אויפנעמען אים איז עפּעס אַזוי ווי אירס אַ פליכט, וואָס זי מוז און דאַרף איבערקומען... מערערע מאָל האָט ער געפילט ווי ער ווערט פאַרברענט און פאַרצערט פון זיין אייגן פייער...

זעליגמאַן האָט שטאַרק ליב געהאַט בערטאַן. צי זי האָט אים ליב געהאַט — אין דעם האָט ער אָנגעהויבן צו ספקן. אפילו אין די „האָניק־חדשים" האָט זי נאָך אַלץ אַפּנים געהאַט פאַר איר אויג און אין אימאַזש: דנ'ען... זעליגמאַן האָט אָבער געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועט איר פריערדיקן מאַנס שאָטן צוביסלעך אַנטרונען ווערן און זי וועט אַן אים פאַרגעסן. ס'איז אָבער אויך שפּעטער נישט בעסער געוואָרן. האָט ער, פאַרשטייט זיך, דערפון געליטן. ניט אַזוי האָט ער געמאָלן זיך אין זיין פאַנטאַזיע ווען זי צו אים זיין... שיידן זיך מיט איר דערפאַר וועט ער ניט ער האָט זי דאָך ליב. אָבער... אַנהייבן איר פאַרוואָרפן איצט ווען דעם, האָט ער געפילט, וואָלט געווען נאַריש. פאַרקערט, אַמאָל טוט ער אַ טראַכט: אפשר איז ער אַביסל צו סענטימענטאַל און סענסועל און פאַרלאַנגט בכלל צופיל פון איר... אין אַזעלכע מאָמענטן פון זעלבסט־קריטיק און אַנאַליז פלעגט ער איר באַציאונג צו אים מיט ראיות און מיינונגען וואָס ער האָט ערגעץ־וואו געלייענט אָדער געהערט, אַז די פרוי, פון נאַטור, איז מער צוריק־געהאַלטן און ניט אַזוי סענסועל ווי דער מאַן... אפשר איז בערטאַ גערעכט? האָט ער מעדיטירט — ווען זי האָט געפּרואווט אים באַרואיקן מיט דעם אַרגומענט, אַז דער רוב פרויען זיינען אַזוי ווי זי...

מיט אַזעלכע געדאַנקען פלעגט ער זיך טיילווייז באַרואיקן. לעצטנס אָבער איז ער שטאַרק באַאומרואיקט געוואָרן פון איר מאָדנער האַלטונג: די דריקנדיקע שטימונג אין שטוב, וואָס האָט זיך געשאַפן צוליב איר תמיד פאַרטראַכטן זיך און מאָדנע שוייגעניש, ווי זי וואָלט וועלן אויסמיידן צו ריידן. ווי אַ זינדיקע וואָס טראָגט זיך אַרום מיט פאַרבאָרגענע מחשבות האָט מורה, אַז מיט איר וואָרט אָדער נאָענטער באַרירונג מיט די אַרומיקע וועט מען אפשר איר פאַרדעכטיקן און אויסגעפינען אירע זינד, אַזוי פלעגט זי, ווי בכיוון זיך פון אים דערווייטערן מיט איר גלייכגילטיקייט און שטילן שווייגן...

איז ער מיט אַ געבעט צו איר צוגעשטאַנען. זי זאָל אים דערציילן דעם אמת פאַרוואָס זי פאַרבאָרגט פון אים עפּעס וואָס ער איז באַרעכטיקט צו וויסן... זי האָט אים אים ענדלעך, צווינגענדיק זיך אין אַ פאַרזאָרגט האַלב־פאַרשעמטן טאָן, געענטפערט: אַז איר שרעקט עפּעס און זי האָט מורא, אַז זי וועט נאָך אפשר אַ מוטער ווערן...

ווי אַ לעבעדיק עלעקטריש דראָט, צוגעשטעלט צו זיין גוף, האָט מיטאַמאָל אין זעליגמאַנס בלוט און אברים זיך עפּעס אַ צאַפּל געטאָן; זיינע געדאַנקען האָבן

פיבערהאַפטיק זיך אַוועקגעטראָגן. פאַר אייניקע מאָמענטן האָט ער צו זיך נישט געקענט קומען; איין מחשבה האָט גובר געווען די צווייטע, איין ספק שטאַרקער פון צווייטן, האָט אים ווי מיט אַ נעץ אַרומגענומען. . .

אָט האָט פאַר אים אַ בליץ געטאָן אַ שיינבאַרע פרייד, אַ האָפענונג — אַ ק י נ ד ! און אָט איז די האָפענונג פאַרטונקלט געוואָרן פון חשד און עגבערנ־דיקע ספקות . . .

וואָלט ער איצט אין בערטאָן ניט גע'ספק'ט, וואָלט די בשורה פון אַ קינד אים האָפענונגספול געשטאַרקט און געמוטיקט: דער געדאַנק אַז ער וועט ווערן אַ פאָטער— נאָך וואָס ער האָט שטאַרק געבענקט — איז געווען פאַר אים אַ גליק־לעכער און אַ דערפרייענדיקער... האָט אָבער איר פרעמדקייט צו אים און סודות־דיקע האַלטונג פאַרשטאַרקט און דערפירט זיין חשד ביז משוגעת...

— איז עס מעגלעך?... — האָט ער ווייטער געטראַכט — אפשר בין איך אין דעם גאָר אינגאַנצן נישט שולדיק?... האָט ער נישט אויפגעהערט זיך צו גריבלען... באַמערקט האָט ער יאָ, אַז אין געזעלשאַפט פון יונגע לייט לעבט זי אויף, ווייזט אַרויס אָן אויפגעהייטערטע לעבעדיקייט; בענקענדיקע ליבע־בליקן מיט אַ סענסועל פייערל אין אירע אויגן...

תחילת, ווען ער איז געווען אין איר באַגליבט, האָט דאָס אים ניט אַזוי געאַרט; פאַרקערט, אין אַ געוויסן זין איז ער גאָר געווען צופרידן און שטאָלץ וואָס יונגעלייט גיבן איר אַזויפיל אויפמערזאַמקייט. ס'האָט אים געפריידט, אָבער אויך טיילוויז באַאומרואיקט... יעדן איבעריקן בליק אירן האָט ער אָנגע־הויבן צו פאַרדעכטיקן; יעדע פרייע באַנעמונג אירע האָט אים פאַרשאַפט עגמת־נפש און גערעגט זיין אייפערזיכט... באַזונדערס האָט אים שטאַרק געערגערט איר שטאַרקע באַגייסטערונג פאַר דעם לערער פון דער שול. זי שלינגט יעדן וואָרט, וואָס קומט אַרויס פון זיין פערלדיק מויל... ער דערמאָנט איר אַזויפיל אָן דנ'ען — איר אומפאַרגעסלעכן יונג־פאַרשטאַרבענעם מאַן סיי אין געשטאַלט, אין אויסזען און סיי אין זיין אַרט ריידן און רעציטיר...

זעליגמאַנס אומרואיקייט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג אַלץ שטאַרקער. ער האָט אָנגעהויבן פאַרשן, זוכן און באַטראַכטן: דערמאָנט האָט ער זיך, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער אויך עפּעס ענלעכעס געפילט; אַרויסגעקומען איז דאָס דאָן איבער אַ קלייניקייט, אַ ניט־פאַרזיכטיק וואָרט פון איר זייט, וואָס האָט אים אַביסל צערודערט, האָט זי אים דאַן מיט אַ וואַרעם וואָרט באַרואיקט און ס'איז כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן. איצט זוכט זי אים אפילו נישט צו באַרואיקן, שווייגט ווי אַ ספינקס. דאָס האָט צוגעגעבן נאָך מער פייער צו זיין פלאַמענדיקער, פול מיט ספקות, סענטימענטאַלער נשמה . . .

דאָס לעבן זיינס איז לעת־עתה זיך געגאַנגען מיט דעם געוויינלעכן רוטינעם וועג: זיין קראָם, צו וועלכער ער איז כסדר געווען צוגעבונדן, איז אויך אָנגע־גאַנגען מיט דער געוויינלעכער רעגלמעסיקייט. זיצנדיק אין קראָם האָט ער טיילמאָל געפילט, ווי צו גיין אַהיים אין מיטן טאָג; אפשר וועט ער עפּעס דער־שפירן, אויסגעפינען... ווען איבערלאָזן דאָס געשעפט האָט ער נישט געהאַט; פאַרמאַכן ווידער די קראָם אין מיטן העלן טאָג האָט אים עפּעס נישט געפּאַסט, איז ער טאָג איין טאָג אויס מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער מינוט צו שליסן די קראָם און לויפן אַהיים, אין דער דערוואַרטונג צו הערן פון איר עטוואָס אַ באַרואיקנדיק וואָרט; אפשר וועט זי אים היינט מיט פרייד באַגעגענען און מיט

אַ גוטער בשורה פון דערלייזונג; זי וועט אים באַפרייען פון דעם חשד, ספקות און דריקנדיקן קאָשמאַר וואָס פאַרפאָלגט אים . . .

צום סוף, היינט ווי נעכטן און אַנדערע טעג במשך אַ לענגערע צייט: אַן איינגעזעקשנ'טער שווייגן און אַ מרה־שחורהדיקער בלאָנדזשען פון צווי לעבע־דיקע שאָטנס אין איין הויז. וואָלט כאָטש אַ קינד געווען, וואָלט דאָס מיט געוויין אָדער געלעכטער איבערגעריסן די דריקנדיקע שטילקייט. . . .

מיט יעדן טאָג און שעה איז ער אומרואיקער און באַדנלאָזער געוואָרן. געצויגן זיינע טעג און נעכט, אין אַ פאַרלאָזלעכן מצב; איז ער אַרומגעגאַנגען ווי פאַרחלומט, פאַרנאַכלעסיקט זיין אַזוי אויך אַרעם געשעפטל און זיך געפּלאָנטערט אין אַ נעץ פון אומרו און ספקות... געווען מאָמענטן, ווען ער פלעגט שוין ביי זיך אָפּמאַכן און פעסט באַשליסן, אַז היינט מוז ער בלי שום תירוץ, מיט איר דורכשמועסן זיך; ס'מוז דאָך נעמען אַ סוף! ער מוז פאַר איר זיין חשד אַרויס־זאָגן. אפשר וועט זי אים דאָך באַרואיקן און איבערצייגן אַז ס'איז טאַקע נישט מער ווי אַ חשד! אַז ס'איז נאָר אַ קראַנקע פאַנטאַזיע זיינע, וואָס עגבערט אים זיין מוח! דער געדאַנק אַליין, אַז ער וועט נאָך היינט אָוונט מיט איר וועגן דעם רעדן, האָט שוין זיין געמיט אַביסל גרינגער געמאַכט.

דעם גאַנצן טאָג האָט ער רק געטראַכט: וואָס און ווי אַזוי זאָל ער עס איר פרעגן, פונוואַנען זאָל ער עס אָנהייבן; ווי אַזוי וועלן עס זיינע רייד אויף איר ווירקן און ווי אַזוי זאָל ער האַנדלען, אויב זיין חשד איז טאַקע אַ באַרעכטיקטער?. און — פלעגן זיינע מחשבות פון אַן אַריינקומענדיקן קונה איבערגעריסן ווערן, פלעגט ער דערנאָך אויפסניי זיך נעמען צו זיין פאַרטראַכטן באַשלוס.

אַז זי וועט נישט לייקענען פון אים קיין זאַך, אין דעם האָט ער נישט גע־ספקט; זי איז תמיד געווען אַ שטאָלצע און אַ מוטיקע: גאָט, וואו נעמט מען נאָר דעם כוח און מוט דאָס אַרויסברענגען פאָראיר? — האָט ער געטראַכט.

היינט האָט ער געהאַט עפּעס אַ מאָדנעם געפיל, אַז אַלץ וועט פאַר אים קלאָר ווערן... ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז זיין כוח און דרייסטקייט וועט אים מער, ווי ביז איצט, נישט פאַרלאָזן...

ווען דער אָוונט איז צוגעפאַלן, האָט ער פריער ווי תמיד די קראָם צוגעמאַכט און איז אינסטינקטיוו געלאָפן אַהיים, ווי פון עמיצן געטריבן; גלייך ווי עמיצער וואָלט אים אַן אומגליקלעכע בשורה אָנגעזאָגט אַז ס'האָט געטראָפן.

מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָט ער זיך צום הויז דערנעענטערט, און ווען זיין בליק איז אייף די ניט־באַלויכטענע פענצטער פון זיינע צימערן געפאַלן, האָט ער קאָנ־וואולסיוו זיך אַ צאַפּל געטאָן און איז מיט אַ ציטער און אימפּעט אַריין אין הויז. . .

פינצטער, קיין שאָרך פון עמיצן, שטיל ווי אויף אַ בית־עולם; ער האָט בלויז געהערט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ, און אויך דאָס חוצפּהדיקע קלאַפּן פון וואַנט־זייגער: טיק־טאַק טיק־טאַק. ער האָט הויך גערופן: בערטאַ! ב ע ר ט אַ! געלאָפן פאַרלאָרן, פון צימער צו צימער... נ י ט אָ . . .

ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַז עפּעס פאַרלאָזט אים. זיין שטענדיקן טראַכטן פון חשד און צווייפל, זיין מידע אָנשטרענגונג האָט אים לעצטנס זייער דערנערווירט. ער איז קאָנוואולסיוו צוגעפאַלן צום וויג־שטול, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַהינטער און מיט צוגעשלאָסענע אויגן זינלאָז און אָן אַ ציל געטראַכט...

ווען זעליגמאַן איז אַביסל צו זיך געקומען, האָט ער ליכטיק אין שטוב געמאַכט און אָנגעהויבן אַרומזוכן, צי ס'איז עפּעס אַ זכר פון איר געבליבן; זיין

בליק איז געפאַלן אויף אַ בריוו, ליגנדיק אויף אַ טישל. פויל און אַפּאַטיש האָט ער דעם בריוו אין האַנט גענומען — ווי איינער, וואָס ווייסט שוין אין פאָראויס וואָס אים דערוואַרט, האָט ער געעפנט דעם בריוו און שטיל געלייענט:

טייערער זעליגמאַן!

כ'בין אוועקגעפאָרן. איך בעט דיך, זוך מיר נישט אַרום. איך האָב צו דיר גאָרנישט און פאַרלאַנג פון דיר גאָרנישט. כ'האָב געפילט, אַז דו קלייבסט זיך מיט מיר ריידן וועגן דעם אין וואָס דו ביסט מיר חושד די גאַנצע צייט... איך האָב אָבער אויך געפילט, אַז כ'וועל באַין אופן נישט קענען אָפן וועגן דעם צו ריידן אָן ניט צוזאַמענברעכן; וואָס דאָס וואָלט אפשר געווען קאַטאַסטראָפאַל פאַר ביידן . . .

איך דאַנק דיר פאַר דיין גוטסקייט און ווינטש דיר מער גליק אין דיין ווייטערן לעבן, און איך האָף אַז די צייט וועט דיין וואונד היילן...

בערטאַ

פאַר זעליגמאַנען איז אַלץ מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן. ער האָט זיך אַליין פאַרגעוואָרפן, זיין נאַאיוון גלויבן און, ווי ווייניק ער האָט זיין פרוי בערטאַן פאַרשטאַנען... אין שטוב לענגער צו פאַרבלייבן איז אים נאָך שווערער און דריקנ־דער געוואָרן. אין זיין עלנטער איינזאַמקייט האָט ער זיך קיין אָרט ניט געפונען.

טרייסטנדיק זיך מיט דעם געדאַנק, אַז „ס'האָט דאָך געקענט נאָך ערגער זיין!...“ איז ער אַרויס די „גאַס“ באַגעגענען, זיין פאַרדרוס און אומרו שטילן.. זיין אומעט און בענקשאַפט פאַרטרייבן . . .

---

לוי גאָלדבערג

# ווי די באָבע לאה

(בתיה'ן)

דו וואַקסט אַריין, מיין טייערע, אין דער געשטאַלט פון מיין באָבע לאה:
אַ קליינינקע, אַ זשוואַוויקע, מיט ווירדיק מוסר'דיקן בייזער,
און אַ מיידל־פּנים גלאַט ווי פאָרצעליי, אָן די בייטן־רייען;
תמיד יונג צו זיין פאַר מיר, ווי די באָבע לאה פאַרן זיידן, לייזער.

אויף דיין קאָפּ די פּאַסמעס גרויע האָר, ווי ווינטער־שנייען
לויכטן זיי אין דיינע זילבער־קרויזן, זיך צו עלטערן אין דער שיינקייט
מיט דיינע יאָר.— און אַז איך דערזע ווי דיינע שטילע טראָטן גייען,
ווערסטו פאַר מיר פאַרוואַנדלט אין דער באָבעס צנועהדיקער ריינקייט.

ווי זי, באַקסטו קיכעלעך מיט צימערינג און האָניק, און דו האָסט אין זינען
די קינדער, און די אייניקלעך, ווי די באָבע לאה, איר ביים לעבן.
הייסע קושן פרעסטו אַרויף אויף זייערע מיילער, און מיט דיינע ליפּן,
גאָט טוסטו רימען
פאַר דער בענטשונג צו קענען זיין אַ באָבע, און פון זיי נחת צו דערלעבן.

איז טראָץ עס פעלט דיר אוים איר שייטל — און אין דער רייע —
די פרומע שבת־טיכל, און דער קרבן־מנחה אונטער דיין אָרעם,
וואַקסטו דאָך אַריין אין דער געשטאַלט פון מיין ליבער באָבען לאה'ן,
זאָל דיר גאָט, מיט מיר, נאָך אויף לאַנגע יאָרן, האַלטן אין איר פאָרעם.

ברכה קודלי

## דער בוים אונטער מיין פענצטער

איצט ווען אין מיינע האָר
פאַרציט זיך שוין אַ ווייסער פוך,
אַזוי ווי אין דיינע ערשטע בליטן
מיין אַלטער אַפריקאַסן בוים,
דערמאָן איך זיך אָפט דעם שפרוך,
וואָס איך פלעג צו דיר פאַרטרויען,
ווען דו האָסט מיט דיינע צווייגן
איינגעהילט אין פרימאָרגנדיקע טויען
אָנגערירט מיין פענצטער
האָסט דאָן מיין געמיט
געטאָן אַ רעג צו ליד.

נאָך דער צעהעלטקייט אין דיין צוויט,
וואָס דו האָסט אַרום מיין שטיבל
געטאָן אַ צעוואָרף —
בין איך נאָך ביז היינט פאַרבענקט.

לאַנג-לאַנג צוריק,
כ׳געדענק,
אַז איך האָב פון אַ דאָרף
דיך — אַ קליין צווייגעלע
פון אַן אַפריקאַסן-בוים געבראַכט,
ס׳איז ווייניקער געוואָרן אַרום מיר מיין אַליינקייט,
נאָכדעם ווי איך האָב דיר מיט מיינע הענט
אונטער מיין פענצטער פאַרפלאַנצט;
איך האָב איבער דיר געוואַכט.
דו האָסט מיט דיין וואַקסן
עפּעס געהייליקט און עפּעס דערגאַנצט.

אין אַ שיינעם טאָג
האָט דיין ערשטע פרוכט צו מיר געטאָן אַ שמייכל,
דיין ערשטער אַפריקאָס
האָט אין זון זיך געמיניעט פון גאָלד אויף ראָז.
כ׳בין צו דיר צוגעלאָפן
און אין אַ תפילה זיך פאַרגאַנגען.

ס׳איז געווען אַ הייסער זומער-טאָג,
דו האָסט אַ שאָטן אויסגעשפּרייט.
אין דיין אינטימקייט האָט זיך אַ געטלעכקייט געשפּירט.
איך האָב גאָט געבעטן שטילערהייט,

אַז אין דער זכיה פון לייטזעליקייט אין מיין געמיט
פון זיין אַן עדות פון דיין געבערן,
זאָל מיר באַוויליגט ווערן
אַזאַ מין אויפגעלויכטענער אמת ווי דיינער
און מיינס אַ ליד.

כ׳געדענק אין האַרבסט אַ זונענפאַרגאַנג
האָט זיך געסודעט מיט די בלעטער אין דיין קרוין;
דיין גרין האָט זיך אויף קופּער געביטן
דערנאָך אויף בראָנזענעם ברוין.
שפּעטער איז אַ ווינט געקומען,
אויסגעטאָן פון דיר די בלעטער,
זיי צעוואָרפן אַרום פלויט;
דו ביזט אַן אויסגעזומערטער געשטאַנען,
אַ פאַרפלייצטער אין האַרבסטיק געמיט.

סיי אין דיין וויאַנען, סיי אין דיין גרינען
האָב איך אַביסל רו געפונען
צו פאַרשפּינען אין אַ ליד.

מ. אַליצקי

## אין אַ טאָג פון האַרבסט

(מיין ברודער ברוך — צו זיין יאָרצייט)

טעג האָט ער געהאַט פון גאָלד, נאָר ניט קיין זאַטע;
נעכט פון ריינעם בלויען זייד געשפּינט.
ביי זיין זון איז ער געווען ווי ניט אַ טאַטע,
ביי זיין ווייב איז ער געווען אַ קינד.

ווייל דער ווינט געהאַט האָט פינגער ווייכע,
האָט ער ניט אָנגערירט די הענט פון פריינט.
ווייל געלויכטן האָט די זון אין אַלע הייכן —
ניט געזען האָט ער, אַז אַ פּנים שיינט.

פליגן זשוקעלעך פון כל־הסאָרטן
האָבן אָפּגעטראָטן אים דעם וועג.
דאָס שענסטע בלימל אינעם שענסטן גאָרטן
האָט געבעטן אים מיט ליבשאַפט: שמעק.

קיינער ווייסט ניט וואָס אים האָט געטראָפן:
אַ וויסטע קויל, צי גאָר אַ תליה, וויי.
זיינע ביינער ליגן ווייס און אָפן —
ווינט און זון און פליגן איבער זיי.

**מאַטעס דייטש**

# מיט קאָפּ און מיט טראָפּ

„אידישקייט אין אַמעריקע"— מחבר: אָשר פען

דאָס בוך איז אַ קוואַל מיט אינפאָרמאַציע וועגן יידישקייט אין אַמעריקע. ס'איז אַ קאָמפּאַקט ווערק מיט פאַקטן, טאַבעלעס, ערטער פון געגנטן און אינסטי־טוציעס; ס'איז אַ באַרגיק בוך פון אַרום 800 זייטן, פאָטאָגראַפיעס און פּאָטאָ־סטאַטן גאַלאָר.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אויסגעפּאַשעט בוך פאַרדינט אַוודאי אַ פעטע רעצענזיע, כאָטש אַ 30 זייטן מיט אָנגעגומענעם בוך־פאָרמאַט. לאָמיר האָפן אַז ס'וועט זיך געפינען איינער אַזאַ רעוויוער, וואָס וועט עס דורכפירן פאַרן לייענער גרינטלעך.

אין מיין קורצן נאָטיץ וויל איך מודיע זיין דעם מחבר (דער יידישער וועלט אויך) אַז איך האָב איבערגעלייענט דאָס גאַנצע בוך, אָן איבערשפּרונגען אַ טייל פון די קאַפּיטלעך אָדער איינצעלנע זייטן אפילו ניט דורכגעלאָזט. איך האָב אַלץ גוט און געשמאַק געלייענט פונקט ווידער מחבר האָט גוט און געשמאַק געשריבן; פאַרשטייט זיך אַז ביי מיר האָט זיך עס שנעלער געלייענט ווי אים האָט זיך עס געשריבן...

איך האָב פיל הנאה געהאַט בשעתן לייענען, עס האָט מיך געהאַלטן גע־שפּאַנט; אַוודאי דערפאַר ווייל דער ענין אינטערעסירט מיך; איך בין פאַר־כאַפּט געוואָרן פונעם גאַנצן קאָמפּלעקס מיט געבראַכטע באַווייזן, אינטערוויוען מיט אנשי החינוך פון כל המינים לערער, אינסטרוקטאָרס און דערפרייענדיקע פאָטאָגראַפיעס פון ישיבות, אינסטיטוציעס, פון וויכטיקע פערזענלעכקייטן און פון קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער. מיט איין וואָרט, אַ גרויס וואָרט. סע איז אַ ליכטיק, דערפרייענדיק ווערק, וואָס פילט אָן דעם יידישן מענטשן מיט שטאָלצ־קייט און אָפּטימיזם.

איך האָב געלייענט דאָס ווערק מיט אַ באַזונדערער געמיטלעכקייט; אָט ווי איך וואָלט שפּאַצירן געגאַנגען אין אַ שיינעם גאָרטן פון כלערליי בלומען און פרוכטביימער; געקוויקט זיך מיט ליכטיקע פנימלעך פון די יידישע קינדערלעך „פריש פון די אייעלעך"... און ס'איז מיר געווען פריידיק און האָפערדיק מיין יידיש האַרץ. איך האָב געפילט אַז איך בין אינעם מלכות התורה אין מיניאַטור, מחמת איך האָב רק געטראַכט פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט... איך האָב אפילו אויך געזעען, צווישן די יינגעלעך, אַ רב פפּא און צווישן די מיידעלעך — אַ שרה בת טובים . . .

אויפן שער־בלאַט גיט דער מחבר אָן — באַנד 1. ווייזט אויס אַ סע וועלן קומען נאָך בענד; ווייל אויב ניט, ווילט זיך מיר באַמערקן, אַז לויט דעם באַנד נאָך איז עס מערסטנטייל געוויזן יידישקייט אין ניו־יאָרק בלויז און ניט אין אַמעריקע מיט אַלע אירע גרויסע שטעט מיט געדיכטער יידישער באַפעלקערונג כן ירבו.

כדי דאָס בילד „יידישקייט אין אַמעריקע" זאָל זיין פולקאָם און אַל־אַרומנעמענדיק, קאָרעקט און תוכיק, דאַרף עס און מוז אַריבער די גבולן פון

גרויס־נו־יאָרק לעם אַטלאַנטיק און זיך דרייען ווי אַ פילם אויפן שטח פונעם גאַנצן מהלך פון לאַנד ביז דער שטאָט לאָס אַנגעלעס ביים פּאַסיפיק.

לאָמיר האָפן אַז דאָס וועט אָשר פּען געלונגען צו דערגרייכן בקרוב. ער האָט אַ גוט פּלאַנירטן יסוד ווי צו צוגרייטן אַזאַ ווערטפולן מאַטעריאַל אַזוי, אַז דאָס בוך זאָל ברענגען פיל נוצן און אַז אַ פּשוטער ייד זאָל זיך גרינג קענען אָריענטירן אין דער אינפאָרמאַטיווער עשירות וואָס אַזאַ ווערק ברענגט מיט זיך. ער האָט ניט, ווי אַנדערע, פאַרנאַכלעסיקט צו צוגעבן אַ רייכע ביבליאָגראַפיע און וועל כולם — אַ גלאָסאַר, וואָס העלפט אַרויס ווען מען דאַרף עפּעס אָפּזוכן.

ווען אָשר פּען איז געווען אין האַוואַנאַ, קובאַ, מיט אַ סך יאָרן צוריק, האָט ער אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער וועגן וועלכע איך האָב דאַן געשריבן איבער זיי אינעם שיקאַגער שזורנאַל „בריקן“ אינעם יאָר 1934.

דאָס קעפּל פון דער רעצענזיע איז געווען: „אַ יונגער דיכטער אָן אַ יידישער סביבה.“

איצט קען מען זאָגן אַז אָשר פּען האָט געפונען זיין בייטיקע יידישע סביבה און די יידישע סביבה האָט געפונען איר נייטיקן שרייבער.

## דאָס שטיינערנע טורעמל

(„נאַכט איבער גלושינאָ“ פון מענדל מאַן)

דאָס שטיינערנע טורעמל אין דער נאָוועלע „נאַכט איבער גלושינאָ“ איז דער משל; קרעמלין — דער נמשל... אַזאַ איינדרוק פילט זיך ווען מען לייענט די אַזוי אַוואַנטוריסטיש געסטראָיעטע נאָוועלע פון די פאַרסטראַניעטע רויטע סאָלדאַטן, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן דורכצופירן אַ מיליטערישע מיסיע און גאָר באַוויזן איינצושטעלן קאָמוניסטישע דיקטאַטור.

זיין שרייבן איז ווי אַ פּסיכישע שפּינבעץ — זי כאַפּט אונדז אַריין אין מיר וויגן זיך אויף אירע מיריאַדן־פעדעם ווי אַ פליג... ער באַזיצט אַ געוואַלדקן כוח אויף אויפטרייסלען קינסטלעריש אונדזער געמיט; דער עיקר אַרום ייד־גוי באַגעגענישן און אונדזער נאַציאָנאַל געפיל שרויפּט זיך אַרויף צו אַ געשטייגערטן באַוואוסטזיין אינאיינעם מיט אונדזער פיזישער טעמפּעראַטור.

ערטערווייז, טאַקע היפּשע שטעלן, זיינען צעצויגן פול מיט איבעריקע דעטאַלן; ער איז מאריך אָן אַ פאַרוואָס; אפשר איבער זיין צופיל איבערחזרן די זעלבע סיטואַציעס פון זיינע פאַרשוינען אין זייער אומבאַהאָלפנקייט וואָס קאָנען ניט אַרויס פון זייער קלעם און פּלאָנטער. ער האָט איין ציל, איין אידייע־פיקס, וואָס ער אַליין פאַרוועבט זי אין שלויפנדיקער בעץ; ער פאַרפיקסירט זי אין אַלע זיינע ווערק שטאַרק און שטאַרקער ביז זיין שאַפונג נעמט אָן דאָס געשטאַלט פון אַ ספינקס; און אַ ספינקס איז אַ זייגער אין דער מדבר — ווייזער־לאָז... מען קוקט אויף אים און קיין „צייט“ זעט מען ניט — בלויז רעטעניש!

דער הויפּט־העלד, דזשיגיטאַ, איז דער פּראָטאָטיפּ — סטאַלין. ווידער אַ ספינקס! דאָס גרעסטע רעטעניש! דער מחבר, מענדל מאַן, וואָס טראָגט ווי אָנגעטאָן הינטער זיין גרויען שויבער, אַ קינדיש פּנים, באַזיצט דווקא דעם כוח אין זיין פּען, אויסגעשטאַלטיקן דעם ציור־הספינקס פו אונדזער צייט — סטאַלין. דאָס אַליין טראָגט דעם קאָלאָסאַלן כוח, וואָס איז פאַרזיגלט אין אַ רעטעניש...

אין קורצע אָבער טיפֿע קאַרבן שניצט ער אויס דעם פּרצוף־פּנים פֿון אַ טיפּ, אַ געשטאַלט, און עס באַווייזט זיך אַ כאַראַקטער. אָט־די כאַראַקטער־קאַרבן (ווי קאָרע) אַנטפּלעקן דאָס אינערדיקע מיטן גאַנצן שטאָם און אָפּשטאַם.

און דאָ רוקט זיך הינטער צו מאַכן אַ פּשוטע אַנאַלאָגיע; און לפֿי דעתי איז זי שוין גאָרניט אַזוי פּשוט, ווייל זי איז אַ ריין יידישע; און אַ יידישע אַנאַ־לאָגיע, ווי מיר ווייסן, איז קיינמאָל ניט קיין פּשוטע...

„נאַכט איבער גלושינאַ" איז ווי מענדעלעס קליאַטשע: אַיין דורכגענומענע אַלעגאָריע. (געוויס אונטערשיידן זיי זיך ווי ווייגען פֿון לאַכן...). און כאַטש אין מיניאַטור — מיינט עס קרעמלין — באַווייזט עס דאָך די גרעסטע קאַריקאַטור וואָס שליסט איין אין זיך אַ וועלט־קאַריקאַטור. ס'איז איין טראַפּן גורל פֿונעם רוסישן פֿאָלק — סאָוועטנלאַנד, דער ים פֿון בלוט.

אָט־די־אָ ממשותדיקע רעאַליטעט — די פֿינצטערקייט איבער דעם דאָזיקן סאָוועטישן פֿאָלק האָט ער געגומען ווי אַן אייביקע טעמע צו שילדערן אין זיינע ווערק; עס איז ביי אים געוואָרן זיין טרייבציל וואָס סטימולירט זיין געניוס אין אים. און מחמת אָט־דער מאַכטיקייט איז זיין שרייבערישער גורל דיקטירט אַזוי אַז ער זאָל זיין איינגעגעסן טעמאַטיש אין איין פּלאַנירטן אויספּיר. דער רעזולטאַט איז אַז עס פֿאַרמירט זיך אַ טומאַן איבער די האַנדלונגען וועלן עס קומט צום פֿאַרענדיקן די אַקציע, די טאַט. סע ווערט ביי אים נעפּלדיק די שריי־בערישע עסענץ; דער לייענער הייבט אָן בלאָנדזשען, ווי דאָס רעוועון פֿון אַ שיף אין מיטן ים . . .

לייענענדיק מענדל מאַנס ווערק, שטעלט זיך ניט איינמאָל די פֿראַגע: וואָס פֿאַר אַ כוח באַוועגט אים צו שילדערן אַזוי פּינקטלעך, מיט גויאישקייט, אַ טעמע וואָס איז ניט יידיש בלויז, נאָר פֿרעמד דעם יידישן לשון, סיי אידיאַ־מאַטיש און סיי פּסיכיש? דעריבער טאַקע זיינען אַלע ווערק וואָס האָבן אין זיך ניט קיין יידיש לעבן און גיבן ניט קיין יידישע סביבה (ווי דער פֿאַל איז מיט מענדל מאַנס) ווי איבערזעצונגען... טעמאַטיש איבערגעזעצט אין דער יידישער ליטעראַטור.

ס'זיינען דאָ שרייבערס וואָס גיבן אַזאַ סאָרט איינדריק דעם לייענער:

עס דוכט זיך אויס אַז שריפֿטשטעלער האָבן זיך איינגעטיילט מיט די פֿילע שרייבערישע געביטן אַזוי נאָך: דו נעם זיך פֿאַרן ליד, דו — דערציילונג; דו — די נאָוועלע; דו — דעם ראָמאַן, און דו — דראַמע. קריטיק שרייבן שוין כמעט אַלע ביי אונדז . . .

פֿאַרשטייט זיך אַז דאָס איז נאָר אויבנאויפֿיק געזעען. אין תוך איז עס נישט אַזוי איינגעוואָקסן אין דער ליטעראַטור; יעדערער נעמט זיך סוף־כל־סוף וואָס אים איז עס נייטיק און אַמליבסטן פֿאַר זיין פּען.

מענדל מאַנס פּען פֿאַרבאָרגט אין זיך דעם כוח פֿון אַ רעטעניש!

הגם דאָס רעטעניש איז, וויאַזוי שרייבט אַ יידישער שרייבער פֿונעם „שטיי־נערנעם טורעמל" צי גאָר פֿונעם פֿאַרשטיינערטן טורעם — קרעמלין, און ווערט אַליין ניט פֿאַרשטיינערט חלילה; כאָטש וועדליק עס פֿילט זיך ביים לייענען דער צער וואָס דער אופֿן צו שילדערן יידישע מיליע זיינען דעם שרייבער אין וועג, זיינען מסתמא יאָ דאָ פֿאַרשטיינערטע שטעגן.

## אַ שרייבער מיט דער פען אין דער האַנט

(מ. קראַוועץ: „דער לעצטער חלום", פאַרלאַג „זיין")

מ. קראַוועצעס דערציילונגען זיינען געשריבן מיט אַ טאָג־טעגלעכן ציל ווי פאַר אַ צייטונג, כמעט פּאַרווילעריש; איבערגעלייענט און גרייט פאַר דער מאָרגנדיקער, פאַר איבערמאָרגנדיקער צייטונג. שפּראַכלעך זיינען זיי נאַכלעסיק; דאָס וואָרט, אייביקייט, קריכט ניט אַראָפּ פון זיינע שורות; מען קאָן בפירוש אָפּציילן אויף איין זייט אַ שלל אייביקייט־ווערטער. ער ענדיקט אַ סך פּאַראַגראַפן און אפילו דערציילונגען לאָזן זיך אויס ביי אים אין אַזאַ מין חזק, חזק: „דער גייסט וועט אייביק זיין, אייביק. מיט פאַרמאַכטע אויגן הערט ער זיך צו צו דער אייביקייט. זוכן די ברעגן פון אייביקייט. שפּיגען דעם פּאָדעם אויף אייביק. פון אַלע חלומות! צו דעם וועג פון אייביקייט." זייט 48—צוויי מאָל; 54, 55, 57, 59—צוויי מאָל; 66, 71, 80—דריי מאָל; זייט 124 האָט ער געהעכערט אויף פיר מאָל. זייט 125—צוריק אַראָפּ צו דריי מאָל „אייביק". און אַזוי ווייטער. 136, 141—צו צוויי מאָל, און אַזוי ביזן סוף פון בוך, וואו ער פאַרענדיקט די דערציילונג מיט . . . אייביקייט!

ער ליידעט זייער שטאַרק פונעם וואָרט . . . וואָרום. ער ווייסט ניט פון קיין פ אַ ר וו אָ ס . . . אויך קוואַליפיצירט ער צופיל מאָל מיטן בעריאָזקעלע; אויב אַ וואַלד, מוז ער זיין אַ בעראָזעווער! ער איז בכלל צו אַן אָפּגעדעקטער שרייבער. כאָטש אים ווילט זיך זייער גאָר, גאָר צו זיין דער ראָמאַנטיקער; ווערדליג ער גיט זיך „פּאָיעטיש" אָפּ צום בעריאָזקעלע . . .

זיינע העלדן (ער אַליין.—ער רעדט אין דער ערשטער פּערזאָן) יאָגן זיך צופיל אַרום, אומנייטיק, נאָר דערפאַר מחמת דער אויטאָר לאָזט זיי אַרומלויפן, ביים שרייבן, אומקאָנטראָלירט; ער קען זיי נעבעך ניט איינהאַלטן. צו טאַטע־מאַמע האָבן זיי אַ נעגאַטיוון געפיל, ממש אַ האַס און אַ וואולגאַרן זאָג: „זיי זיינען ניט מער ווי די אומפאַרמיידלעכע סיבה"... אויך איז ביי אים דאָ די זיכערע איבערצייגטקייט אַז דאָרט וואו ס'איז פאַראַן אָרעמשאַפט מוז שוין אויך זיין פּראָסטיטוציע. דאָס איז ביי אים שוין אַ מין חוק ולא יעבור! היינט זיין פילאָזאָפירן איז ביי אים גאָר הויך אָנגעשפּאַנט נאָר דאַן ווען דער טויט שפּאַרט אָן צו זיינס אַ צעכריפּעטן העלד. נאָך אַ מעלה האָט ער: ער דאַרף בלויז אָנשמירן די פעדערשטע רעדער פון זיינס אַ דערציילונג און ס'ווערט ביי אים איקס־מיקס־דריקס — ער איז שוין אין דער סאַמע מ י ט פון אַ קאָכיקער סיטואַציע, פון אַ געשילדערטער אַקציע; עס מישט זיך שוין און דרייט זיך אומדערוואַרט! ווען עס קומט צו פּרויען? גיבן זיי זיך אים גלייך איבער, תיכף ומיד... ס'איז ביי אים אין דעם פּרט מזל און ברכה מיט אַ ווערך פון הצלחה! ער דאַרף בלויז צו זיי אַזינג טאָן: „אַ קאַבאַרעט־לידל מיט אַ סעקסואַלן אונטער־טאָן" (זייט 24). ווייל ער איז אַ מאדים אַ יונג פון די יונגען, אַ פולשטענדיקער פסיכאָלאָג, וואָס ווייסט וועגן ווייבער זיינען. אויף זייט 35 באַשטעטיקט ער אַליין אַז סע איז אַזוי: „די ווייבער צעפּראַלטע מיט דעם אָנזאָג אויף מער בעכט פון באַהעפטונג."

אַט אַזוי־אַ, נישט מיר נישט דיר טוט ער יכל'ען קענטשאַפטן מיטן שיינעם געשלעכץ . . . דאָס אַז נאָר דערפאַר ווייל עס ווילט זיך אים פאַראַדירן פאַר אַ

וואַגאַבונדישן שרייבער. אַ ניט וואָלט ער געשאַנעוועט זיין מאַמע און זי ניט אַזוי פּינקטלעך אָפּגעמאָלן: „די מאַמע גרויס ווי אַ פּיפּערנאָטער... געוועלטיקט מיט איר פּיסק." (זייט 110). ס'איז אַ קליין ביכעלע, נאָר אָנגעשטאָפּט איז עס מיט צאַצקעס . . .

איצט פּאָדערט זיך צו אילוסטרירן זיין נאכלעסיקן יידיש:

„איך האָב אַ וואָרף געטאָן אַ זילבערנעם דאלער פאַר אים" )ז. 2—ער מיינט צו אים). „מייקל ליגט פלאַך אויף דער פלייצע" (ז. 58). איד הערט אַ לשון! ווי־אַזוי זאָל ער ליגן? שטייענדיק אויף דער פלייצע?! און אָט גיט ער אונדז אָנצו־הערן אַז ער איז אויך אַן אינטעליגענט און נישט אַבי־ווער! ווייל אפילו זיינער אַ מאַטראָז, לאַרסען, „האָט געשפּילט האַרמאָשקע און יעדע פרייע מינוט געלייענט קאָנראַדן און דזשעק לאָנדאָן." (זייט 103). אָט אַזוי־אַ האָט ער אייך איבערצייגט אַז לאַרסען האָט בפירוש געלייענט די צוויי שרייבער...

און מאָדנע ווי עס פּאַרדריסט אויף אַ יידישן מענטש, וואָס איז „געבענטשט" צו וויסן די נעמען פון באַרימטע גויאישע שרייבער, זאָל דווקא אַזאַ איינער, שרייבן מיט אַ גלחישן יידיש... פון די גויאישע שרייבער קען מען אַ סך לערנען; זייער לשון אז ביי זיי ניט אַזוי ביליק ווי ביים יידיש־שרייבער קראַוועץ; בפרט ביי היינטיקן טאָג, ווען אַלע שרייען מיר— יידיש־קודש!

דער חידוש איז דער, וואָס דער מחבר וואוינט אין דער גרעסטער יידישער מוטער־שטאָט, ניו־יאָרק, וואו עס געפינען זיך נאָך ביי היינטיקן טאָג גרויסע יידישע שרייבערס און ער, קראַוועץ, ווייסט אַפּנים ניט פון זיי; אַזיסט וואָלט ער פון זיי עפּעס געקענט לערנען ווען ער לייענט זייערע ווערק. ווען ער איז באַ־קאַנט מיט די שרייבערס וואָלט ער געוואוסט ווי צו שטעלן אַ טראָט מיט דער פען.

דער צווייטער חידוש איז, וואָס דאָס איז שוין זיין דריטער בוך...

זיינע אַלע דערציילונגען זיינען ביי אים ניט מער ווי אויסגעטראַכטע; אָן שרייבערישער פּאַרטראַכטקייט, אויסער דער שרייבערישער באַלעבטקייט און מחוץ דער בעלעטריסטישער קענטשאַפט. דאָס גאַנצע בוך איז ווי מיין באָבע וואָלט זאָגן: אָן אבן שאין לה הופכים!

אַוואדאי וואָלט כדאי געווען זיך אָפּשטעלן אויף זיין טעמאַטיק, דעם סיפּור המעשה פון זיינע דערציילונגען, אָבער אַ מעשה איז דאָך פאָרט ניט מער ווי אַ מעשה, אויב זי ווערט ניט דערציילט מיט קיין קינסטלערישן געפיל און טעם; במילא קען זי מיטן זכות — מעשה לשם מעשה — ניט אינטערעסירן.

אַ שרייבער דאַרף האַלטן זיין פען מיט פיר כוחות: האַנט, מוח, אויגן און האַרץ. קראַוועץ האַלט די פען בלויז מיט דער האַנט!

---

## פריינט און לייענער פון „חשבון":

טוט אייער קולטור־חוב! קומט ניט אָפּ נאָר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש אַז ס'איז זייער נויטיק דאָ אַ שריפט אין יידיש—באַווייזט עס מיט מעשים. ווערט אַ מיטבויער און אַן אבאָנענט פון דעם זשורנאַל „חשבון".

---

**פינטשע בערמאַן**

# ה ע נ ט

## I

הענט זענען היילִיק, און ליכטיק, און לויטער,
הענט זענען קלאָר, ווי דער טוי אין פאַרטאָג;
הענט זענען פינצטער, און טמא, און תהום׳יק,
הענט זענען בלינד, ווי דער בעטלער ביים ראָג.

אַמאָל זע איך הענט, ווי צעפלאַטערטע פליגל,
אויף קינדערשע נעסטן, מיט מאַמעשן בלענד—
גייט אויף אין דער לופט דאַן אַ הימלשע אָדע,
אַ לויב צו דער חשיבות פון מענטשלעכע הענט.

אַמאָל זע איך הענט, ווי געשפּענסטער אין חלום,
געקלאַמערט אויף העלדזער מיט חלף און שווערד—
פאַרטונקלען זיך שטערן, צעוויינען זיך וואָלקנס
מיט טרערן פון איכה, וואָס דעקט צו די ערד.

## II

הענט זענען מעכטיק, און מוטיק, און מונטער,
הענט זענען פריי, ווי די פייגלען אין וואַלד;
הענט זענען שרעקעדיק, בויגיק און קנעכטיש,
הענט זענען שוואַך, ווי דער בוים ווען ער פאַלט.

אַמאָל זע איך הענט, ווי זיי ברעכן אויף צוימען,
צעשמעטערן צעלן, און וואַרפן אום ווענט —
צעשפּרודלען זיך אויגן, גייט אויף דאַן אין הערצער
אַ ליד צו דעם וואונדער מענטשלעכע הענט.

אַמאָל זע איך הענט, ווי זיי קלינגען מיט קייטן,
מיט קאָוועס און שלעסער, און שנאה צעברענט —
דאַן גייט אויף אַ קללה צו שקלאַפּישע בלוטן,
אַ פלוך צו פאַרשוועכער פון מענטשלעכע הענט.

## III

הענט זענען קוואַליק, און פריידיק, ווי זונען,
הענט זענען ווייך, ווי דער גראָז אינעם טאָל;
הענט זענען שטעכיק, און שפּיציק, ווי נאָדלען,
הענט זע־ען קאַלט, ווי לופט אויפן „פאָל“.

אמאָל זע איך הענט, ווי די פּאַקלען פון ליבשאַפט:
זיי נעמען אַרום דיך מיט פריידיקן בליק —
צעשיינען זיך אויגן, צעוואַרעמט זיך אָטעם,
גייט אויף אַ געזאַנג דאַן פון זעלישן גליק.

אמאָל זע איך הענט, ווי זיי טשישען ווי שלאַנגען,
זיי זייען נאָר ביטער, זיי שפּרייטן נאָר גאַל —
ווילט זיך דאַן שעלטן די בייזע באַפעלקער
פון חשיבות פון יחיד, פון כבוד פון כלל.

VI

אַ הענט! איר אַלמעכטיקע צינדער פון לעבן!
איר וועקער פון אויפבּרויז פון האָרץ און געמיט!
איר פירט אָן די כאָרן אין ריטם פון שטורעם,
צום טאַקט פון צעפליגלטע מענטשלעכע טריט...

אַ הענט! איר די אייביקע מישער פון גיפטן
אין קלאָרקייט פון טרערן, פון האָרץ און פון זעל!
די שפּרייטער פון שאָטנס! די לעשער פון שטערן!
די פּוסקים פון דין און פון טויטן-באַפעל....

***

איך דערמאָן זיך די הענט גאָר אמאָל פון מיין מאַמע,
פרייטאָג-צו-נאַכטס ביים בענטשן פון ליכט,
מיט אויגן פאַרמאַכטע, אין שוויגנדיק תפילה,
מיט נשמה צעפליגלט און ליכטיק געזיכט.

איך דערמאָן זיך די הענט פון מיין טאַטן פאַר נעילה,
געשפּרייט אַזוי וואַרעם אויף קאָפּ פון זיין קינד,
ווי פליגלען פון טויבן, אין הימלשן פלאַטער,
מיט פליסטער פון ברכה, ווי געזאַנג פונעם ווינט.

וואו זענען די הענט יענע לויטערע, ליבע,
וואָס האָבן אי ברכות, אי פריידן געזייט? —
גיי פרעג דאָס ביי הענט, וואָס געקומען פון אָפּגרונד,
אויף כוואַליעס פון סם און אויף פליגלען פון טויט...

---

ווערט אַ מיטבויער און אַן אבאָנענט
פאַר דעם זשורנאַל „חשבון“
אָפּצאָל 3 דאָלער אַ יאָר

---

סאָלאָמאָן קאַהאַן

# „אויף די וועגן פון קיום"

(עסייען — צוגעשיקט פאַרן „חשבון")

(1)

די קונסט פון עסיי איז גרונטזעצלעך די קונסט פון קענען „אַריינבאַרן" דעם לייענער דורך דער שיינקייט פון פאָרם, כדי אים צו מאַכן נאָכפאָלגן דעם מחברס געדאַנקען־גאַנג, וואָס שייך געדאַנקען ערנסטע און טיפע, אָן אָנשטרענגונג, און קומען צום סוף פון דער עסיי אַזוי גייסטיק פריש, ווי מ'איז עס געווען ביים אָנהויב, נישט געקוקט אויף דעם וואָס מ'איז מיט אים געגאַנגען אַ לאַנגע שטרעקע.

אין אָט־דעם זין איז אברהם גאָלאָמב אַן ערשט־ראַניקער עסייאיסט.

אין זיין נייעסטן בוך: „אויף די וועגן פון קיום", האָט ער צונויפגעקליבן פופצן עסייען, וואָס כאָטש אויסערלעך קען זיך דאַכטן, אַז דער צוזאַמענהאַנג צווישן זיי איז אַ לויזער, האָבן זיי אָבער אין דער אמתן עפּעס, וואָס בינדט זיי אַלע גאָר שטאַרק און גיט דעם בוך זיין גאַנצקייט, זיין אָרגאַנישע איינהייט. דאָס איז גאָלאָמבס ווילן אַריינצודרינגען אין דעם טיפערן וועזן פון אונדזער געשיכטלעכן וועג, און טיפער צו באַגרייפן די פּראָצעסן, וואָס קען צייכענען די עוואָלוציע פון דער יידישער קולטור זינט די עלטסטע צייטן ביז היינטיקן טאָג. „איך זוך תמיד דעם פאַרגלייך פון דעם היינט צו אונדזער אַמאָל, כדי צו האָבן אַ פּסק־דין פון דער געשיכטע."

היסטאָריאָזאָפיע רופט מען דאָס טיפערע זוכן די „פּאַרוואָסן" און די „וויאַזויען" אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק. אברהם גאָלאָמב איז, וואָס מען זאָל נישט דענקען וועגן דער ריכטיקייט פון זיין געדאַנקען־גאַנג, אַ ביז גאָר אָריגינעלער היסטאָריאָזאָף. דער לעצטער עסיי פונם בוך: „אויף די וועגן צו נצח ישראל", איז איינער פון די בעסטע יידישע קולטור־געשיכטלעכע עסייען, וואָס זענען ווען עס איז געשריבן געוואָרן. די אָפּטיילונג „וועגן תקופות בכלל" קאָן זיך פאַרגלייכן צו די שענסטע קאַפּיטלען אויף אָט־דער טעמע אין די ביכער פון די באַרימטסטע נישט־יידישע געשיכטע־פילאָזאָפן. פונקט אַזוי גלענצענדיק איז אָנגעשריבן די אָפּטיילונג: „קאָנפליקטן און תקופות און זייערע קולטורן." צו לייענען זיי איז אַן אינטעלעקטועלער גענוס און אַן עסטעטישער פאַרגעניגן. טיפער געדאַנק גייט אין זיי צוזאַמען מיט שפּראַכלעכע מייסטערשאַפט.

דער דאָזיקער קאַפּיטל דאַרף זיין אָבליגאַטאָרישע לעקטור סיי פאַר די תלמידים און סיי פאַר די לערער פון אונדזערע „פּרעפּאַראַטאָריעס" און עס דאַרפן זיך מיט אים באַקענען יידישע קולטור־מענטשן און די פאָלקס־אינטעליגענץ בכלל.

אָט איז בלויז איינער פון די צאָלרייכע ביישפּילן, וואָס ס'ווילט זיך ברענגען פון דעם אופן ווי גאָלאָמב שרייבט אין דעם קלימאַקס־קאַפּיטל פון זיין פאַסצינירנדיקן בוך:

„עפּעס קאָסמישעס ליגט אין דעם כסדרדיקן בייט פון תקופות. דאָ איז די זיך ענדערנדיקע המשכדיקייט פון גאָטס באַשאַף, זיין כסדרדיקע און אייביקע מעשי בראשית. זיי זיינען זיך כסדר מחדש און כסדר פאַרענדערן זיי זיך, און

קיינער קען זיי נישט איבערמאַכן. נישטאָ קיין אַנטרינונג פון דער נאַטורס גזר־דין. גייען אונטער די ארזי הלבנון — די מעכטיקע צעדערן באַגלייך מיט די קליינע צאַרטע עדעלווייסן פון די אַלפּן. קוים וואָס עס האַלטן זיך נאָך צו־ביסלעך די שטאַרקע זוברען. אַלץ פאַרגייט און אַלץ האָט יורשים. אין דעם פאַרגאַנג איז שטענדיק דאָ דער שפּראָץ פון אויפגאַנג. אין דעם אומקום ליגט דער אויפקום. אַלטע וועלטן גייען אַוועק, נייע קומען אָן. דור הולך ודור בא.

„קינדהייט, יוגנט, דערוואַקסנקייט און אַלטקייט זיינען פּעריאָדן אין לעבן פון אַ מענטשן. איין פּעריאָד ענדערט דעם פריערדיקן, אָבער ער לייקנט אים נישט אָפּ. און „גליקלעך איז דער אַלטער אין זיין אַלטקייט, וואָס איז אין זיין יוגנט יונג געווען, און וואָס איז אין זיין קינדהייט געווען אַ קינד.“ און אַזוי גייט די געשיכטע פון דער מענטשהייט, און אַזוי גייט אויך אונדזער יידישע געשיכטע.“

(2)

אומאָפּהענגיק פון דעם צי מען איז נאָכן לייענען דעם בוך איינשטימיק מיט געוויסע פון דעם מחברס טעזיסן און שלוסן, זיינען דאָרטן דאָ קאַפּיטלען, וואָס זייער אמת איז אַזוי טיף, און איז אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פיל איבער־ציַיגונג, אַז זיי קריצן זיך איין אין זכרון ווי אַ צושטייער צו אונדזער וויסן און דענקען. צו זיי געהערט גאָר באַזונדערס דער קאַפּיטל „מאַסע און המון“. ער איז, לויט דער אָריגינעלקייט פון דעם מחברס אויפפאַסונג און לויט דער געלונגענקייט פון איר פאָרמולירונג, אַ בייטראָג פון באַדייט צו דער לערע פון סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע און איז ווערט צו ווערן איבערזעצט אין אַנדערע שפּראַכן. זעלטן ווען איז אַ פאָרשער אויפן געביט פון סאָציאָלאָגיע אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין דעם מהות פון אָט־די צוויי באַזונדערע — און קעגנגעזעצטע — וועלטן, ווי דאָס האָט באַוויזן אברהם גאָלאָמב אין דעם דאָזיקן וואונדערלעכן עסיי:

„צוויי נאָענטע באַגריפן וואָס שפּילן אַ גרויסע ראָל אין סאָציאַלן לעבן פון פעלקער און פון דער מענטשהייט בכלל. אָבער זיי זיינען צוויי באַזונדערע פענאָ־מענען, צוויי אין גרונט אויס פאַרשידענע און אָפט אפילו קעגנגעזעצטע. איט־לעכער יחיד קען איינצייטיק זיין אַ טייל פון דער מאַסע און אַ טייל פון דעם המון. אין ביידע פאַלן וועט דער אינדיווידואַלן האַנדלען אַנדערש — מאַסיוו אָדער המוניש. נאָך מער — אַ מאַסע קען גאָר גיך זיך פאַרוואַנדלען אין אַ המון. פאַרקערט אָבער איז שוין אַ סך שווערער, אַז אַ המון זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מאַסע, דאָס איז זעלטענער. המון איז אַ סך אַ נידעריקערע פאָרעם פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, און ווען אַ מאַסע „המוניזירט“ זיך, איז עס אַ ירידה. אין אונדזער געזעלשאַפט־לעכן לעבן גייט אָן אַ כסדרדיקע „המוניזאַציע“, און מען דאַרף עס קלאָר זען, אפשר וועט זיך עטוואָס לאָזן פאַרהאַלטן, אָפּשטעלן דעם פּראָצעס, וואָס קען און וועט זיכער ברענגען פיל שאָדן.“

(3)

אָט איז נאָך אַ פּרעכטיקער עסיי. די טעמע? „עס פעלן אונדז בטלנים.“ נישט אָפט קומט אויס צו לייענען אַזאַ טיפזיניקע אָפּהאַנדלונג וועגן דער וויכ־טיקייט פון דער אינטעליגענץ פון אַ פאָלק.

דער מחבר מאַכט, און מיט רעכט, אַן אונטערשייד צווישן דער וואולגאַרער און דער פאָלקסטימלעכער טראַדיציע וועגן דעם באַגריף „בטלן". דער וואולגאַרער באַגריף קען אויסגעדריקט ווערן, צום בײַשפּיל, אין אַזאַ פראַזע: „ער איז שוין צוואַנציק יאָר אין אַמעריקע און האָט באַך נישט געמאַכט קיין געלט!" דאַקעגן, לויט דער פאָלקסטימלעכער טראַדיציע איז אַ בטלן דער „וואָס ער איז מבטל אַלע גליקן פון חיי שעה און איז זיך עוסק מיט חיי עולם . . ."

אָט איז ווי אַזוי גאָלאָמב כאַראַקטעריזירט די „בטלנים", אין אײַנקלאַנג מיט דער פאָלקסטימלעכער טראַדיציע:

„יעדעס געזונט, נאָרמאַל פאָלק האָט און מוז האָבן זײַנע בטלנים. מיט זיי ווערן פול אַלע אוניווערזיטעטן. דאָס זײַנען דאָך די, וואָס גיבן אַוועק זייער לעבן צו שטודירן די געשיכטע פון דער וועלט, די אַרכעאָלאָגיעס; די וואָס גייען אויסגראָבן אַלטע קולטורן און דעשיפרירן אַלטע, פאַרצייטיקע אויפשריפטן. דאָס זײַנען די פילאָזאָפן, די טעאָרעטיקער פון אַלע נאַטור־וויסנשאַפטן; וואָס גיבן אויס אַזוי פיל „פראַקטישע געלטער", כדי צו שטודירן, לאָמיר זאָגן, די עמבריאָלאָגיע פון עפּעס אַ גרעזל, פון אַ ווערימל, צי ווייס איך וואָס.

„פעלקער האַלטן אויס זייערע „בטלנים", מען באַזאָרגט זיי מיט שטעלעס, גרויסע פאָנדן ווערן געשאַפן דורך רעגירונגען און פּריוואַט־פּערזאָנען. מען גיט אַרויס די אַרבעטן פון די געלערנטע „בטלנים". מען ווייסט, אַז נאָר געציילטע יחידים וועלן לייענען אָט־די ווערק. אָבער עס זײַנען קענטיק פאַראַן זאַכן וואָס זײַנען וויכטיקער (אונטערגעשטראָכן פון ס.ק.) ווי דער מאַרק־ווערט זייערער. צענדליקער און צענדליקער יוגנטלעכע גרייטן זיך צו קענען איבערנעמען די אַרבעט פון די בטלנים, און עס לעבט און אַנטוויקלט זיך די קולטור פון אַ פאָלק און אַלע קולטורן פון אַלע פעלקער פון דער וועלט.

„דאָס איז דער קרייזלויף פון קולטור אין לעבן פון אַ פאָלק, וואָס ס'איז פאַר זײַן קאָלעקטיוון אָרגאַניזם נישט ווייניקער וויכטיק ווי דער קרייזלויף פון בלוט און אָרגאַניזם פון אַ יחיד."

(4)

ווי ס'איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, איז דאָס בלויז אַ ביבליאָגראַפישער נאָטיץ. „אויף די וועגן פון קיום" געהערט צו די ווערק וואָס פאַרדינען אַ סך מער: נישט בלויז אַ רעצענזיע, נאָר טאַקע אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג; עפּעס וואָס איך קען, צו מײַן באַדויערן, צוליב מײַן פאַרנומענקייט, זיך נישט דערלויבן.

ווי זאָגט מען אָבער אין שפּאַניש: „פּאַראַ מועסטראַ, קאָן באַטאָן באַסטאַ."

איך האָב דעריבער געבראַכט עטלעכע כאַראַקטעריסטישע בײַשפּילן, וואָס איך בין זיכער, אַז זיי וועלן דעם לייענער שאַפן אַפּעטיט צו לייענען „אויף די וועגן צום קיום." וואָס שייך מײַן ווייניקייט, איז ביי מיין גאַנצער חילוקי דעות — און זיי זײַנען שטאַרקע — מיט גאָלאָמבן, אין פראַגן פון צוגאַנג צו יידישער קעגנוואָרט און צו צוקונפט־פּערספּעקטיוון — בין איך, ווי אַ לייענער, אים דאַנקבאַר פאַרן דאָזיקן ווערק, וואָס פאַרדינט צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אויבנאָן אין דער געשיכטע פון יידישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק.

---

## שיקט אַרײַן אײַער אַבאָנענט אָפּצאָל.

טוט נאָך דעם שיינעם בײַשפּיל פון אַ גרויסן טייל פון אונדזערע לייענער.

---

דניאל פערסקי

# אין קרייז פון אייביקייט

חיים נחמן ביאַליק, אין זיין עסיי „אונטערן פּאַרהאַנג פון שפּראַך", האָט שוין באַמערקט, אַז עס זיינען פאַראַן ווערטער, וואָס ענטהאַלטן אַמאָל טיפע תהומען און אַמאָל אַ גאַנצן עסענץ פון אַ באַנעם.

אַזאַ וואָרט איז „קרייז פון אייביקייט", וואָס מיינט גיכער דעם פּראָדוקט פון גייסט מיט דער גאַנצער דערהויבנקייט, די גאַנצע התרוממות, וואָס קומט פון גייסט.

דער „עולם הרוח" איז אַ ספערע פאַר זיך. ס'איז אַ סטיכשער כוח, אַ שטיק נאַטור, ס'איז דערקענטעניש — אָט דאָס קרייזט אין קרייז פון נצחיות.

ביי אַלעמען איז דאָ דער געפיל, אַז מען דאַרף היטן די קנינים פון דורות. און עס איז גוט באַקאַנט, אַז דאָס לעבן פון יחיד, פון איינצעלנעם מענטש, האָט גאָר אַ גרויסע שייכות צום לעבן פון גאַנצן אוניווערז, איז צוזאַמענגעוועבט מיטן אין־סוף.

דער יחיד דריקט אויס אי זיך און אי זיין פאָלק, ווייל יעדער אומה האָט זיך איר שאַפערישן געניוס. אויב, למשל, דער שאַפערישער געניוס פון די גריכן האָט אַרויסגעבראַכט קונסט, פילאָזאָפיע, דערקענטעניש, האָט די יידישע אומה אַרויסגעבראַכט מאָראַל, עטישע ווערטן פון דעם נביא דניאל ביז צו אחד־העם'ן.

ביים יחיד ווי ביים כלל איז פאַראַן דאָס דראַנג זיך צו נצחיות; דאָס איז אַמאָל דער סאַמע תוכן פון שאַפן, וואָס דער „יוצר" שטרעבט, אַז זיין „יצירה" זאָל האָבן אַ קיום פאַר דורות.

ביי פּלאַסטישע קינסטלער איז פאַראַן אין אַ גרויסער מאָס די זעלביקע תשוקה. ביי מיכאל־אַנדזשעלאָ אַנטפּלעקט זיך עס אין זיין קאַמף מיט דער מאַטעריע און ביי אַ פילאָזאָף ווי שפּינאָזאַ איז זיין באַמיען זיך די פילאָזאָפיע צו באַפרייען פון וועלט־חומר.

ביי די שרייבער איז עס קענטיק ביים אַריינלייגן אין שאַפן דעם פלאַם פון זייער נשמה. אין גערעגל פון דער שאַפערישער פּערזענלעכקייט איז פאַראַן אַ סך פון ווילן עפּעס צו שאַפן, וואָס זאָל זיין אייביק.

אָבער ווי ווייניק זיינען זוכה דערצו. ווי ווייניק זיינען עס די גרויסע גייסטער, וואָס גיבן אין זייער שאַפן זייער אָריגינעלן ביישטייער, אַז עס זאָל ווערן אַ באַשטאַנד־טייל פונעם גרויסן אוצר פון דער וועלט־ליטעראַטור. מיט סאַלאָגנען אַליין קען דאָס דער שרייבער קיינמאָל ניט דערגרייכן. ער מוז זיין באַשאַנקען דערצו מיט דעם פונק גאונות, וואָס באַווירקט אים בעתן שאַפן. ער מוז אינספּירירט זיין פון רוח הקודש, וואָס גיט די סימפּאַנישע צונויפזאַמלונג פון די פונקען וואָס באַשטראַלן דאָס ווערק זיינס.

נאָר אַזעלכע ווערק האָבן אַ קיום פאַר דורות. אין די ביבליאָטעקן קען מען טרעפן גאָר ווינציק פון אַזעלכע ווערק. זיי זיינען אַ גאַלעריע פאַר זיך מיט גאָר גרויסן גייסטיקן יחוס.

צווישן די העברעאישע דיכטער טרעפן מיר אין אָט־דער גאַלעריע דעם גרויסן דיכטער, ח. נ. ביאַליק, מיט זיין עכט־יידישלעכן ליד; טשערניכאָווסקי,

**ז. בונין**

# דורך וועלכן זכות

(פון דער סעריע ישראל לידער)

עס איז געווען מיין זיידנס
גרעסטער וואונטש און שענסטער חלום,
ווען אויסלעשן וועט זיך דאָס ליכט
פון זיינע אויגן,
מען זאָל אים,
אין זיין לעצטער היים
אַ זעקל ארץ־ישראל־ערד
צוקאָפּנס לייגן.

און מיין טאַטע,
אויף אַ פאַרוואָרפן ווינקל
אין זיין אוקראַיינישער כאַטע,
האָט דורך די נעכט
ביים אָפּריכטן חצות,
און ביים „על נהרות בבל" זאָגן,
אונדזער צוויי טויזנט יאָריקן חורבן
ניט אויפגעהערט באַקלאָגן.

און איך —
דורך וועלכן זכות בין איך עס זוכה
אויף פליגלען פון אלומינום און שטאָל
אין רוים צו פליען,
צו ירושלים, ירושלים!
צו דורות־לאַנג געבענקטער ציון,
צו אונדזער אַלטן גלאָררייכן אַמאָל!

---

מיט זיין פריש און פריידיק געזאַנג; שניאור'ן, מיט זיין אינטעלעקטואַלן בונטאַ־רישן ליד; יעקב כהן, מיט זיין סובטילער ליריק; יעקב פיכמאַן, מיט זיין שיר־היחוד, און יעקב שטיינבערגן — מיט זיין רמזדיקן תוך אין זיין פּאָעזיע.

נאָר די וויניקע, וואָס זיינען פון די יחידי סגולה, וואָס פאַרדינען אַריינ־צוגיין אין דעם פּאַנטעאָן פון דער העברעאישער דיכטונג; נאָר זייערע ווערק האָבן האָפענונגען, אַז זיי וועלן פאַרבלייבן פאַר דורות.

(יידיש: ש. ע.)

י. ריווין

## ווען וועל איך רופן צו מיין בעט?

געווידמעט מיין ליבער לאהן

ווען וועל איך רופן צו מיין בעט,
ווען דער טויט וועט קומען און מיך נעמען?
דיך, וואָס האָסט געזוכט מיך אומברענגען אין זינד
און מיך פאַר גאָט פאַרשעמען? . . .

אָדער דיך, וואָס נאַרט אי זיך, אי יענעם,
און וויל מיך אויך אַריינגאַרן אין גיהינום;
ווען זאָל איך רופן צו מיין בעט,
ווען דער טויט וועט קומען און מיך נעמען?

בעסער וועל איך רופן דיך, מיין גאָטס שליח,
דיך, מיין ווייב, מיין הייליקע און שטילע;
וועסט פון מיר די זינד אַראָפּנעמען, די לעצטע,
און מיך באַגלייטן מיט דיין האַרץ און תּפילה.

---

משה גלאַזער

## לך־לך (ג)

ג י מ ל — איז דריי.
אַ שטיקל צייט לויפט פאַרביי.
ציט אבר(ה)ם אַוועק
פון דער בערג־קייט
וואָס צווישן בית־אל און עי (אַי)
ציענדיק נ אָ כ אַ נ אַ נ ד
צום דרום־טייל פון לאַנד—
צום נ ג ב . . .

ה ו נ ג ע ר ! —
געוואָרן איז אַ הונגער דאָן
איבערן גאַנצן לאַנד כנען.
אַ ה ו נ ג ע ר !
הונגער— איז אַ באַצווינגער:

לך־לך — גיי! —
צווינגט דער הונגער —
זוך אַן אָרט אַ נייעם...
איבערצוקומען דעם הונגער
האָט אבר(ה)ם געניידערט
אין דעם לאַנד מ צ ר י ם.

אין מצרים אָבער
איז אבר(ה)ם
לאַנג ניט פאַרבליבן;
צוליב אַ מעשהלע
וואָס ווערט דערציילט אין חומש
האָט מען אים פון דאָרט
כ מ ע ט אַרויסגעטריבן.

„קח ולך!”
זאָגט פּרעה,
דער מ ל ך
פון מצרים.

יצחק ניומאַן

# ר' ישראל בעל־שם־טוב

צוויי הונדערט יאָר נאָך זיין פּטירה — 1695-1760

(ביאָגראַפישע עסיי)

אַ גאָר גרויסע עפּאָכע אין דער מענטשלעכער, אויך אין דער יידישער געשיכטע איז געווען דער דור פאַר דער התגלות פון בעש"ט. מיט אַ פיבערהאַפטע ענערגיע האָבן אַלע געשטרעבט דאמאָלס אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די אַלטע פאָרמען און אַרויפנעמען נייע. עס איז געווען די תקופה פון צוויי גרויסע איבערקערענישן: די רענעסאַנס עפּאָכע, די פראַנצויזישע רעוואָלוציע — און די אויפגייענדיקע זונען פון רוסאָ, קאַנט און לעסינג. דער דאָזיגער פרייהייטס־שטראָם האָט אַדורכגעבראָכן די אייזערנע ווענט פון מיטלאַלטער און גלייכצייטיק אַדורכגעבראָכן די מוערן פון דער יידישער געטאָ.

דריי פאַרשידענע ריכטונגען האָבן זיך צעטראָגן פון דריי גרויסע יידישע גייסטער: די טעטיקייט פון איין ריכטונג איז געווען, צו עפענען אַ פענצטער אין דער יידישער געטאָ צו אייראָפּע, אַז יידן זאָלן קענען אַריינגענומען ווערן צווישן דער קולטורעלער מענטשהייט. די פירער פון דער דאָזיקער ריכטונג זיינען געווען: שלמה מיימון און משה מענדעלסאָן...

די צווייטע ריכטונג איז געווען די רבנישע וועלט, וואָס האָט געשטרעבט צו באַפרייען דעם יידישן מענטשן פון תלמודישן פלפול, אויסצוגלייכן דעם פשטלדיקן יידישן מוח און אַריינטראָגן אַ סדר און לאָגיק אין תלמודישן לימוד. דער פירער פון דער ריכטונג איז געווען דער ווילנער גאון...

די דריטע ריכטונג האָט זיך גענומען אויפצומונטערן אַביסל דאָס פאַרמאַטערטע און פאַרגליווערטע האַרץ און געפילן פון פאָלק; וועקן ביי אים די פאַנטאַזיע און באַפליגלען; מאַכן זיין פאַרגליווערט בלוט באַוועגלעך; פאַרקלענערן דעם אומעט און טרויער אין יידישן לעבן; פאַרטרייבן די שווערע וואָלקנס פון עצבות און מרה־שחורה, וואָס האָבן דער יידישער וועלט געדריקט. כדי אַריינצוברענגען אַביסל פריילעכקייט און לעבנס־לוסטיקייט איז עס געקומען צום אויסדריק אין חסידות, וועמענס פירער ס'איז געווען דער בעל־שם־טוב...

בעת די ערשטע צוויי ריכטונגען האָבן געזוכט אָנהענגער צווישן דער אַריסטאָקראַטיע, אין די אויבערשטע שיכטן פון פאָלק, איז די דריטע געווען מער דעמאָקראַטיש, מער פאָלקסטימלעך און האָט צווישן פאָלק געזוכט אָנהענגער און געפונען. זי האָט אַלע פאָלקס־רייכטימער געשטעלט אין רשות פון פשוטן פאָלק, און אַלע אירע אוצרות דעם המון אַוועקגעשענקט...

דער בעש"ט מיט זיין חסידות האָט געזען זיין לעבנס־צוועק, צו זיין אַ וועגווייזער פאַר דעם גאַנצן פאָלק, פאַר די פּראָסטע אומוויסנדיקע מאַסן. ער איז מיט גאָטס וואָרט צום גאַנצן פאָלק געגאַנגען — ניט ווי אַ לערער פון זיי — ער האָט צו זיי גערעדט פנים אל פנים; ניט מיט צוויי שווערע לוחות און ניט מיט נייע שיטות, וואָס פאָדערן שטרענגע מי און אַרבעט; אויך ניט מיט נייע אמתן איז ער צו זיי געקומען; נייערט מיט דעם גרעסטן אמת — אהבת ישראל. ער האָט צום פאָלק זיין גרויסע און ליכטיקע נשמה געבראַכט, זיין ברייט האַרץ אַוועקגעשענקט, זיין רייכע אינערלעכע וועלט פאַר זיי אַנטפּלעקט, און זיי האָבן אין

איר געזזען זייער אינערלעכע אָפּשפּיגלונג. ער האָט מיט זיי אויף זייער אייגענער שפּראַך גערעדט, אויף דער שפּראַך פון הארץ און געפיל.

די פאַנטאַזיע פון פאָלק האָט געשטריקט און געוועבט די הארציקסטע און שענסטע לעגענדן. שפּינענדיק צוויבערהאַפטע פעדים, האָט זי געשאַפן דעם מאַנטל מיט וועלכן זיי האָבן זייער באַליבטן העלד איינגעהילט; זי האָט אויך איר לעגענדאַרן מאַנטל אים אין קבר מיטגעגעבן...

* * *

דער בעש"ט איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1695, און וועגן זיין געבורט גייען אַרום פאַרשידענע לעגענדעס: ווי אַזוי דער שטן האָט ניט געוואָלט דערלאָזן אַז דער רבונו־של־עולם זאָל אַראָפּשיקן די נשמה פון בעש"ט, וואָס וועט מזכה זיין דעם דור. אַ צווייטע לעגענדע איז, אַז זיין פאָטער, ר' אליעזר, איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ קנעכט און איז שפּעטער געוואָרן דער יועץ־המלך, און דעם מלכ'ס טאָכטער האָט זיך פאַרליבט אין ר' אליעזרן און ער האָט אויסגעהאַלטן דעם נסיון פונקט ווי יוסף הצדיק, און פאַר דעם קידוש־השם האָט אים גאָט מזכה געווען מיט אַ זון וואָס זאָל באַלויכטן די וועלט.

דער בעש"ט איז ניט באַקרוינט געוואָרן מיט אַ יחוס־בריוו, ניט פון אַ הויז פון תורה און גדולה האָט דאָס פאָלק זיין וויגעלע געשטעלט, נאָר אַ הויז פון אָרעמע, פּראָסטע פאָלקס־מענטשן... דער חסידיזם איז שטאַרק פאָלקסטימלעך, דעמאָקראַטיש אַדורכגעזאַפּט, ווייל ביי גאָט זיינען קיין מיוחסים ניט פאַראַן. דער עיקר איז דאָס הארץ. אַפילו אַן עם־הארץ איז ביי גאָט ניט וויניקער אָנגעלייגט ווי אַ למדן. און האָט טאַקע געלערנט דער בעש"ט: אַ קאַפּיטל תהילים פון אַ יידן אַ פּראָסטן, וואָס ווייסט אַפילו ניט דעם פּירוש המילות, קאָן אַמאָל נענטער צום כסא־הכבוד דערגרייכן, ווי אַ בלאַט גמרא פון אַ למדן אַ גרויסן...

די שענסטע לעגענדע וועגן בעש"ט איז די וואָס דערציילט: די פּמליא של מעלה איז זיך געזעסן אין זיבעטן הימל און זיך געמיטלעך גענומען בודק זיין די גרויסע נשמות פון יעדן דור, האָט מען בודק געווען יעדע איינציקע נשמה — כביכול — איז ניט צופרידן געווען — ניטאָ דער ריכטיקער שטאָף! גרויסע נשמות —, אַ סך, אָבער — די גאָר גרויסע נשמה האָט געפעלט, האָט ער באַשלאָסן מזכה זיין דעם דור מיט איינעם פון די גרעסטע נשמות — אַ מהודר שבמהודר, אַ תפארת, אויף דער וועלט אַראָפּצושיקן.

אין דעם זעלבן יאָר ווען דער בעש"ט איז געבוירן געוואָרן האָט כביכול זיין פאָטער ר' אליעזרן צוגענומען. גלייך נאָך דער אַנטווינונג איז זיין פאָטער געשטאָרבן; אויך זיין מוטער איז באַלד געשטאָרבן. אַזוי איז דער בעש"ט אַ יתום געוואָרן, און ער איז געוואָרן אָנגעוויזן אויף דעם חסד פון די איינוואוינער פון אָקאָפּ. זיי האָבן אים אויף זייער חשבון אויסגעהאַלטן און האָבן אים באַזאָרגט מיט אַ מלמד. אָבער באַלד האָט די קהילה פאַרגעסן און פאַרנאַכלעסיקט אירע פליכטן צום עלנטן יתום. אַ חוץ דעם איז ער קיין „לייטיש קינד" ניט געווען; ער האָט זיך ניט אויפגעפירט ווי אַ יתום וואָס לעבט אויפן חשבון פון קהל; ער האָט ניט געטאָן וואָס גוטע און פרומע לייט האָבן אים געהייסן טאָן. ער האָט ניט געקענט שפּילן די ראָלע פון אַ נעבעכל. זיין פאַרחושכט, פאַרזאָרגט, ווי ס'פּירט זיך אַ יתום. אין זיין קינדעריש הארץ האָט ער די גרויסע פרייד געטראָגן און איז אַ זינגענדיקער אַרומגעגאַנגען.

זיין פאַנטאַזיע און זיין נשמה האָבן אַדלער־פליגלען פאַרמאָגט; האָט ער אויף דעם ענגן פינצטערן חדר ווי אויף אַ טורמע געקוקט, און אויף דעם בייזן רבין זיינעם — ווי אויף דעם מלאך־המות. איז ער פון חדר אַנטלאָפן און פאַרפאַלן געוואָרן.

עס האָט אים געצויגן צו דער פרייד פון לעבן און נאַטור. דאָרט, אין די פעלדער, אין די וועלדער, ביי די גרויסע פעלזן און בערג האָט ער געזען און געפילט דעם גרויסן תענוג, די גרויסע נשמה־פרייד — און דאָס אַלעס האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט.

אַלס באַהעלפער און מלמד האָט ער זיך באַטראַכט ווי אַ הייליקער, און די אַלע שיינע מתנות, וואָס גאָט האָט זיין נשמה געבענטשט, האָט ער די קליינע קינדערלעך אָוועקגעשענקט און זייער לעבן לייכטער געמאַכט. ער האָט פאַר זיי זיין האַרץ אויפגעעפנט און זיי געלאָזן טרינקען פון דאָרט די גרויסע ליבע זיינע צו גאָט, מענטש און נאַטור. און די קינדער האָבן אים מיט דער זעלביקער מטבע צוריקגעצאָלט; מיט דעם גאַנצן פייער פון זייערע קינדערשע הערצעלעך האָבן זיי זייער מדריך ליב געהאַט און האָבן זיך צו אים צוגעבונדן...

די דאָרפס־יידן האָבן געהאַט צו אים גרויס כבוד און רעספּעקט; דאָך האָבן זיי געפילט צו אים גאַנץ היימיש און נאָענט. די פּשוטע מענטשן וואָס האָבן זיך פון אייביק געהאַלטן נידריקער, מחמת לומדים האָבן געפילט אַ פאַראַכטונג צום עם־הארץ, האָבן אָבער דערשפּירט די גרויסע ליכט וואָס האָט זיך אַרום זיי געפונען. זיי האָבן אין אים געזען דעם קונפטיקן, משיח, דעם גואל און דערלייזער.

ווי אַ פּאָעטישע נאַטור, האָט ער ליב געהאַט די נאַכט. ער פלעגט שלאָפן בייטאָג כדי ער זאָל קענען וואַך זיין ביינאַכט. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט פלעגט ער שלייפן די פּערל־געדאַנקען, וואָס ער האָט פון די טיפסטע טיפענישן אַרויסגעבראַכט. אַזוי טראַכטנדיק האָט ער גאָט דערשפּירט און איז דערגאַנגען צום גרויסן סוד, אַז אַלעס וואָס לעבט איז נאָר דערפאַר, ווייל גאָטס השגחה געפינט זיך איבער דעם, און ער האָט זיך דערטראַכט צום גרויסן פּרינציפּ פון וועלכן זיין שיטה וועגן גאָט איז געבויט: אַז אַלע וועלטן, אַלע זאַכן וואָס זיינען מחוץ דער הימלישער געטלעכקייט, האָט זיי כביכול באַהאַלטן אונטער פאַרשידענע לבושים, און מר זען זיי ווי אַ מחיצה וואָס שיידט אָפּ צווישן מענטש און זיין באַשעפער. ער פאַרהוילט זיך פון אונדז אין זיין אַנטפּלעקונג, און איז זיך מתגלה אין זיינע פאַרהוילונגען.

דער בעל־שם־טוב האָט געזען אין יעדן גרעזל, אין יעדן בוים, אַ גאַנצע נשמה. ער האָט געשפּירט די גרויסע פרייד וואָס דער גאַנצער קאָסמאָס שטרעבט צו הייליקן זיין נאָמען. און גאָט אַליין האָט משפיע געווען אין אַלע וועלטן, אויבן און אונטן, אין איין האַרמאָניע.

* * *

נאָכדעם ווי דער בעש״ט האָט זיבן יאָר אויסגעפּרואווט דעם אַלטן וועג פון דינען גאָט דורך סגופים און פּיינונגען, אויף וועלכע אַלע פרומע יידישע נשמות זיינען געגאַנגען, האָט ער זיך נאָכדעם פון דעם וועג אָפּגעזאָגט און האָט אַ נייעם וועג געפונען. ער איז געגאַנגען אַנדערש פון רבי שמעון בר יוחאי, פון ספר הזוהר. יענער האָט געענדיקט אין התבודדות. דאָס לעבן איז אים נמאס גע־וואָרן. דער בעש״ט אָבער, פאַרקערט — ער האָט פאַרלאָזן די הייל פון התבודדות

און מיט אַ זוניקן שמייכל אויף די ליפּן האָט ער באַגעגנט דעם גרויסן סוד און עס צום פּאָלק געטראָגן: אַז דער נייער וועג פון דינען גאָט ניט פון פאַסטן, נייערט פון פרייד און לעבנס־געניס....

ער האָט געזאָגט: „דאָס לעבן אויף דער וועלט איז פאַר זיך אַליין אַ תכלית, און דער מענטש וואָס לעבט אין פרייד טוט דערמיט דעם ווילן גאָט...“

וועגן זיך זעלבסט פלעגט ער זאָגן: „איך בין געקומען אויף דער וועלט צו ווייזן אַ נייעם דרך אין עבודת הבורא. כ'בין ניט געקומען שווערער מאַכן דעם עול פון יידישן פאָלק, נאָר לייכטער מאַכן. דער איינציקער וועג דורך וועלכן מען קאָן צו גאָט קומען איז דורך ליבע — ליבע צו גאָט, צו דער תורה און צום יידישן פאָלק... יעדער מענטש זוכט אַ זכות אויף זיך, דעריבער דאַרף ער שטענ־דיק אויף יעדן יידן אַ זכות געפונען, וויל „ועמך כולם צדיקים.“

דעם בעש"ט'ס חסידות איז אַ קינד פון אַלטן יידנטום, און ער האָט געשעפּט זיין געפּליגלטע פאַנטיזאַע און לערע פון די אַלטע קבלה פון חסד און רחמים. פון יענע אַלטע פּערל האָט ער געשאַפן זיין אייגנאַרטיקע וועלט־אנשויאונג; ניט ווי דער אר"י הקדוש, וועלכער רעדט פון עולמות עליונים; מער פון גאָט ווי פון מענטש; מער טעאָריע און אַבסטראַקט. דעם בעש"ט'ס חסידות איז אַ פּראַק־טישע טעאָריע פון הילף און פון ליבע, באַזירט אויף אַ דעמאָקראַטישן גייסט, מיט די עולמות התחתונים; מער מיט דעם מענטשן ווי מיט גאָט; מער הארץ ווי מוח. ניט מרה־שחורה, נאָר שמייכלדיקע אויגן פון מנוחה, וואָס ברענגט טרייסט און האָפענונג פאַר יעדן איינעם.

אַזוי האָט דער בעל־שם־טוב אַריינגעבראַכט דעם פילאָזאָפיש־רעליגיעזן און עטישן געדאַנק פון „עבדו את ה' בשמחה“, וויל עצבות, טרויער פירט דעם מענטש צו מרה־שחורה. ער האָט אויסגעברייטערט דעם געדאַנק פון דערקענען גאָט אויף אַלע וועגן: „בכל דרכיו דעהו, און דעם געדאַנק פון „שבת אחים“— זיך האַלטן צוזאַמען, און האָבן איין האַרץ, וואָס איז די העכסטע מדרגה: „רחמנא לבא בעי.“

# חבל על דאבדין ולא משתכחין

**מאיר אַסטראָווסקי ע"ה**, לאַנג־יאָריקער תושב אין ל. א., איז נפטר געוואָרן פרייטיק, דעם 28טן אָקטאָבער, 1960. ער איז געווען אַן אנגעזעענער קולטור־עסקן אין דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד; איינער פון די גרינדער פון דעם פּרץ הירשביין צווייג; אַ וואַרעמער ייד, אַן אָפּנעמער פון יידישן בוך און מיט אַ וואַרעמער באַציאונג צו אַלץ וואָס איז יידיש קולטורעל שעפעריש. כבוד זיין הייליקן אָנדענק.

**יוסף קיץ ע"ה** (קאַייץ), באַקאַנטער שריפטשטעלער; מחבר פון „קליין מענדעלע“; „קליין שלום עליכם“ און „קליין י. ל. פּרץ.“ ער איז געווען אַקטיוו אין די יידיש־נאַציאָנאַלע קולטור־קרייזן און פאַרבאַנד. ער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דעם ל. א. יידישן פע"ן קלוב (אָפּצווייג פון וועלט־צענטער, ניו־יאָרק). לעצטנס האָט זיך געהאַט פאַרמירט אַ קאָמיטעט צו פייערן קיץ'ס זיבעציק יאָריקן געבוירנטאָג.

יוסף קיץ איז נפטר געוואָרן דינסטיק, דעם 30טן נאָוועמבער, 1960. כבוד זיין הייליקן אָנדענק.

לאָטי פּ. מלאך *)

# בעז און זיינע פריינט

(אַ קינדער־מעשהלע)

קוצי איז געווען אַ קאַשטאַן ברוין הינטל, אויף פיר בידעריקע פיס, מיט לאַנגע, אַראָפּגעלאָזטע אויערן און אַ פּאָר וואַרעמע, קלוגע אויגן.

מוצי איז געווען אַ קליין, שטיפעריש קעצל, וואָס האָט זיך געדראַפּעט אויף די גלייכע ווענט. ס'האָט געהאַט אַ העל־גרוי פעלכל, אַ ווייסן פלעק אויפן האַלדז און אַ באַס, ראָזעווע נעזל.

קוצי איז געלעגן אויף דער שוועל און האָט געהיט דאָס הויז, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אָנשטענדיקן הונט.

מוצי איז געלעגן אויפן פענצטער, זיך געוואַרעמט אין דער זון און געכאַפּט פליגן. קוצי האָט אַ קוק געטאָן צו מוצין, ווי זי ליגט אַזוי צעשטרעקט און האָט אַ ביל געטאָן מיט פאַרדרוס: — האָו, האָו, מיר איז קאַלט אין דרויסן.

מוצי האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגעשטעלט אויף אים דאָס חנוודיקע מאָר־דעלע מיט אַ געניצדיקן „מיאַו".

קרימט איר קוצי נאָך: — מיאַוי, בליאַוי! וואָס מיאַוקעסטו, וואָס? ס'פעלט דיר עפּעס?

האָרבעט מוצי אויף דעם רוקן און שפּרינגט אַראָפּ פון פענצטער גאָר אַ באַליידיקטע.

ווערט קוצי נאָך מער אין כעס און וואָרטשעס צו זיך אַליין:

— האָו, האָו, ס'איז אפילו נישטאָ אויף וועמען צו האַווקען.

דערפאַר אָבער ווייסט קוצי ווען בעז קומט אַהיים פון סקול. און נאָך איידער די שעה האָט געשלאָגן, לויפט ער אים אַנטקעגן באַגעגענען. אויפן וועג טרעפט ער דערווייל אַנדערע הינט און כאַפּט מיט זיי אַ היימישן שמועס:

— האלאָו, ריני, וואָס מאַכט עפּעס אַ געלער קודלאַק?

— נישקשה, און דו קאַשטאַן?

— איך? איך גיי באַגעגענען מיין חבר בעז.

— זשררר— גיט אַ קריץ מיט די ציין אַ בייזער גאַסן־הונט: — דעם האַלדז וואָלט איך אייך איבערגעריסן. נאָר מען חנפעט זיך צו די מענטשן.

— דו, היימלאָזער, ביסט ביטער. אָבער...

— האַלאָ, קוצי! — דערהערט זיך פון דערווייטנס בענס קולכל אַ קלינגטאָן אין דער לופט. ער קומט צולויפן מיט אַ גאַנצער כאָפּטע יינגלעך. קוצי דערפילט אויף זיינע פלייצעס אַ טוץ הענטלעך, וואָס גלעטן און לאַשטשען אים און ער דערפילט זיך גאָר דערהויבן. אַלע לאָזן זיך מיט „האָלענבעק" פּאַרק אַראָפּ, באַרג אַרויף. קוצי לויפט פאָראויס און נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן זיך רעכט צו צעוויגן, זיינען זיי שוין אין דער היים.

איצט דאַרף קוצי מער ניט ליגן אין דרויסן פאַר דער טיר. ער גייט נאָך בענען פוס־טריט. בעז איז צעהיצט. זיין שוואַרצע טשופרינע פאַלט אים אַראָפּ איבערן צעפלאַמטן פנים. זיינע אויגן, ווי בלויע שטורקאַצן, שפּיזן דורך די

---

*) לאָטי פּ. מלאך איז אַ געוועזענע לערערין און מחברין פון אַ בוך דערציילונגען „שטילע טריט".

לופט אין צימער. ער וויל עסן, לייענען די „פּאַניס“ און זיך שפּילן, אין איין אָטעם. ווערט ער צעטומלט, עסט מיט די הענט און גיט קוצין פּונעם גאָפּל. קאָן דאָס מוצי ניט פאַרלײדן. האָט זי שוין ניט איינמאָל אַ שפּרונג געטאָן אויף קוצין און אים אָנגעשפּיגן אַ פול פּנים. נאָר קוצי האָט ניט געשוויגן: ער האָט דערלאַנגט מיט דער לאַפּע איבערן לעפּ. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז בען האָט זיך געמוזט אַריינמישן און נעמען מוצין אויף די הענט. האָט דאָס קוצין פאַר־קלעמט ביים האַרצן און ער האָט אַרויפגעקוקט צו בענין מיט אַ פּאָר אָנגעגאָסענע אויגן, אַזש צום איבערגיין: — ס'טייטש? נאָר מוצי האָט טריאומפירנדיק אַראָפּ־געקוקט צו אים און געשמייכלט, שטופנדיק דערביי איר עק בענין גלייך אין מויל אַריין. האָט קוצי אַ שפּרונג געטאָן און איר דערלאַנגט אַ פּראַסק אין דער חנעוודיקער מאָרדע.

* * *

ס'איז געווען אין אַ האַרבסטיקן נאָכיטאָג. די ביימער אין פּאַרק האָבן זיך געגומען אויסטאָן פון זייערע אָפּגענוצטע, ברוינע בלעטער. בען האָט אָנגעהויבן גיין אין אַ יידישער שול. קוצי האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס ער גייט אַוועק אַזוי שפּעט אין נאָכמיטאָג. קוצי איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַ שטומען פאַרוואורף אין די קלוגע אויגן. האָט בען אייגעזען אַז קוצי איז געערעכט און זיך גענומען פאַרענטפערן:

— הער זיך איין קוצי. דו ביסט טאַקע אַ וואויל געטריי הינטל, אָבער איך בין אַ יינגל — אַ יידיש יינגל.

— טאָ וואָס איז דער חילוק? — האָט קוצי אָנגעשטעלט זיין גלאַטיק ברוי־נעם קאָפּ.

— דער חילוק איז . . . און אפשר איז טאַקע גאָר קיין חילוק ניט, וואָרעם אָפּילו דו האָווקעסט דאָך אויף דיין הינטישער שפּראַך, און איך קאָן ניט קיין מאַמע־לשון.

— אָט קאָן איך יאָקאָם האָווקען נישט געלערנטערהייט.

— ביזטו טאַקע מיט אַזויפיל קליגער פון מיר, קוצי.

ביים אַריינגאַנג פון דער שול האָבן זיך ביידע שטיל געזעגנט. קוצי איז אַהיימגעקומען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן עק און האָט זיך געפילט אינגאַנצן פאַר־לוירן. ס'האָט אָבער ניט זייער לאַנג געדויערט און בען איז אָנגעקומען מיט עטלעכע נייע חברים. ער איז געווען זייער גוט אויפגעלייגט:

— הערסטו, קוצי, ס'איז גאָרניט אַזוי שלעכט ווי דו מיינסט צו גיין אין אַ יידישער שול. דער לערער דערציילט אונדז שיינע מעשיות. איין מעשה האָט ער אונדז דערציילט וועגן אַ הינטל „ראַבטשיק“, וואָס איז נאָך קליגער פון דיר, קוצי. מיר זינגען לידער און ס'איז זייער פריילעך אין שול.

בען מיט זיינע נייע חברים האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די טרעפּ. זיי האָבן אַריינגענומען קוצין צווישן זיך און זיך אָנגעהויבן לערנען אויף אים:

— דער קאָפּ, די נאָז, דאָס מויל...

— „דאָמבעל!“ — האָט בען אויסגעשריגן — אַ הונט האָט נישט קיין מויל נאָר אַ פּיסק.

— איך האָב אַן עק, דו האָסט אַן עק, מיר האָבן עקן...

קוצין איז דאָס זייער וואויל געפעלן. ער האָט איצט געהאַט גאָר אַ וויכ־טיקע אַרבעט: יעדן נאָכמיטאָג האָט ער באַדאַרפן צוטראָגן בענס יידיש ביכל

צו דער שול, עס דאָרטן אַוועקלייגן און אָפּהיטן ביז בען וועט האָבן פאַרענדיקט דעם בייזבאָל שפּיל און וועט אַריינגיין אין קלאַס. די קינדער זיינען אים געוויינלעך באַפאַלן און אים אויסגעצערטלט יעדער אבר, אפילו דער לערער האָט אים איינמאָל גענומען צו זיך אויף דער שויס, האָט אים צוגעהאַלטן די מאָרדע און געלאָזט די קלענערע קינדער זיי זאָלן אים גלעטן. סאַראַ נאַרישער לערער דאָס איז, וואָס־זשע, ער וואָלט זיי דען געביסן? אַ שיין פּנים וואָלט ער געהאַט פאַר בענין, ווען ער בייסט...

* * *

איינמאָל, ס'געווען אין מיטן דער נאַכט. בען איז געלעגן אין זיין בעט און געשמאַק געשלאָפן. קוצי איז געלעגן אויפן דיל און געוואַכט איבער אים. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ שאָרך אין ווינקל. מוציס אויער, וואָס איז געלעגן איינגעגראָבן אין דיוואַן, האָט אַ ציטער געטאָן.ביידע האָבן זיך איבערגעפינקלט מיט די אויגן: — ס'איז אַ מויז.

— יאָ — ענטפערט קוצי גליקגילטיק.

— גיי כאַפּ מיר דאָס מייזל — האָט זיך מוצי פויל געשטרעקט אויפן דיוואַן.

— אָט לויף איך! ס'איז דיין אַרבעט.

וואַרעמט אים מוצי מיט בורשטינענע פייערלעך: — און אַז איך וועל גיין וועסטו מיר העלפן?

קאָן דאָך קיין הינטל קיין חזיר ניט זיין, שאָקלט ער צו מיט די אויערן אויף „יאָ", נאָר מוצי גיט איין שפּרונג און דאָס מייזל צאַפּלט זיך שוין ביי איר אין די נעגל.

אין דער רגע האָט עמיצער אַ פּרואוו געטאָן די טיר, אַז קוצי האָט געמאַכט אַ גוואַלד: — האו האַו, האָו און האָו!

אין איין מינוט האָט ער דאָס גאַנצע הויז געשטעלט אויף די פיס. בען איז אַראָפּגעשפּרונגען אין זיינע „פּאַזשאַמעס". פון גרויס צעטומלעניש האָט מוצי אַרויסגעלאָזט דאָס מייזל פון אירע נעגל. דאָס פאַרוואונדעטע מייזעלע איז נעבעך קוים לעבעדיק אַנטלאָפן אין לאָך אַריין. ס'האָט פאַרזאָגט מויז און מייזלעך, אַז זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן אַרויסצוקריכן אויף דער ליכטיקער שיין, וואָרעם אין שטוב דרייט זיך אַרום אַ קאַץ אַ ברען...

דער אָרעמער גנב נעבעך, וואָס האָט בלויז פאַר טשיקאַוועס אַ פּרואוו געטאָן די טיר, האָט געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און איז אַנטלאָפן.

קוצי האָט געראַטעוועט אין צווייען: אי דאָס הויז פון אַ גנבה, אי דאָס מייזל פון אַ זיכערן טויט. דערביי איז ער נאָך געוואָרן מער אָנגעלייגט אין שטוב, וואָס ער האָט אַלעמען אויפגעוועקט צו דער געפאַר.

נאָר מוצין האָט דאָס זייער שטאַרק פאַרדראָסן. זי האָט איצט געטראַכט וויאַזוי זי זאָל זיך אָפּרעכענען מיט קוצין. שוין לאַנג אַז זי טראָגט אויפן הונט אַ האַס. זינט ער האָט אָנגעהויבן גיין מיט בענען אין שול אַריין טוט ער אפילו ניט קיין קוק אויף איר זייט. זי איז זיכער, אַז דאָס האָט ער זיך אין מישנע אַזוי צעהאַוועקעוועט אין מיטן דער נאַכט כדי זי זאָל אַרויסלאָזן דאָס מייזל פון אירע לאַפּעס. זי האָט איצט געטראַכט וואָס זי זאָל אים פריער אָפּטאָן: זאָל זי צוגיין אין דער שטיל, ווען קוצי וועט שלאָפן, און אים אָפּבייסן דעם עק? צי זאָל זי אַ שפּרונג טאָן און אים אויסדראַפּען די אויגן?

— יאָ, אויסדראַפּען די אויגן — האָט זי באַשלאָסן. נאָר אַזוי ווי זי האָט דאָך פאָרט אַ קעצישן מוח, האָט זי דאָס באַלד פאַרגעסן . . .

י. ראַשעל *)

# אַ פאָלקס־הויז מיט אַן אייגן פּנים

דער וועסט־סייד יידישער קאָמיוניטי צענטער אויף 5870 וועסט אָלימפּיק בולוואַרד איז דער גרעסטער פון פיר אַזעלכע צענטערס אין לאָס אַנדזשעלעס. ער איז אָבער ניט קיין בן־יחיד מיט זיין פּאַרצווייגטער טעטיקייט. ס'זיינען פאַראַן פיר הונדערט אַזעלכע צענטערס אין פאַרשיידענע שטעט איבערן לאַנד, וואָס באַדינען דער יידישער באַפעלקערונג.

אין די אוונט־שעהן רוישט אין דער אימפּאָזאַנטער געביידע ווי אין אַ בינשטאָק. יונגע בחורים און מיידלעך גייען דורך דעם פאָיער אונטערטענצלענדיק צו פאַר פאַרשיידענע קלוב אַקטיוויטעטן. מיטליאַריקע און עלטערע מענער און פרויען גייען אין פאַרשיידענע ריכטונגען, ווער צו אַ לעקציע, אַנדער צו דערלערנען פאָלקס־טענץ, אָדער מאָדערנע טענץ. טייל ווילן גאָר כאַפּן אַ קוק אויף אַ קונסט אויסשטעלונג, וואָס ווערט פּעריאָדיש אָראַנזשירט אין איינעם פון די פּילצאָליקע זאַלן.

אויפן ערשטן בליק קאָן זיך דוכטן, אַז דער וועסט־סייד יידישער צענטער דינט בלויז אַלס אַ פאַרווייַלונג־פּלאַץ פאַר מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער. אפילו דאָס אַליין באַרעכטיקט זיין עקזיסטענץ און שטיצע פון אַלע ריכטונגען אין יידישן לעבן. אין דער אמתן האָט דער צענטער אַ ברייטערן ציל, ווי דער דירעקטאָר, טשאַרלס מעסניק, האָט עס דערקלערט: צילן די אַקטיוויטעטן, לעקציעס און ספּעציעלע קורסן צו באַרייכערן דעם וויסן, קולטואווירן דעם געשמאַק און אויסברייטערן און פאַרטיפן דאָס יידיש באַוואוסטזיין פון דער מיט־גלידערשאַפט און אַלגעמיינע באַזוכערשאַפט פון דעם צענטער. דאָס ווערט דערגרייכט דורך סעריעס לעקציעס אין ספערן פון יידיש דענקען און יידיש לעבן.

מיר'ן דערמאָנען אַ טייל: „די געשיכטע פון יידישן פאָלק אין פאַרשיידענע עפּאָכן", „גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן", „אַ שטודיום אין די עטישע קאָנצעפּציעס פון יידן אין פאַרשיידענע עפּאָכן", „מאָדערנע יידישע ליטעראַטור אין יידיש, העברעאיש און ענגליש", און דאָס פייערן פון חנוכה, פּורים, און אַנדערע יום־טובים. די פייערונגען ווערן דורכגעפירט מיט דער הילף מיט דעם צענטערס קונסט, דראַמע און טאַנץ דעפּאַרטמענטן; דורך ספּעציעלע קורסן און פיל אַנדערע לעקציעס און טעטיקייטן מיט אַ שאַפערישן אינהאַלט, ווערן באַטאָנט פאַזן און כאַראַקטער־שטריכן פון יידישן פאָלק און אַנטוויקלען ביי די צוהערער דאָס חשיבות פון געהערן צום אַלט־יונגן פאָלק ישראל, וואָס האָט געשאַפן אַזעלכע ריזיקע ווערק ווי דעם תנ"ך, דעם תלמוד, און געגעבן דער וועלט צווישן אַנדערע, אַזעלכע טיפע דענקער ווי פילאָ, רמב"ם און שפּינאָזאַ.

יעדער באַזוכער פון „וועסט־סייד יידישן צענטער" געפינט אַן אַקטיוויטעט אָדער פאַרווייַלונג וואָס פאַרשאַפט אים גליק אין דער איינגלידערונג פון אַן אינטעליגענטער, שעפערישער געזעלשאַפט. עס זיינען פאַראַן קלאַסן פאַר די וואָס ווילן באַרייכערן זייער וויסן אין ענגליש און אַמעריקאַנער ליטעראַטור,

---

*) קאָלעגע ראַשעל וועט אונדז ברענגען פון צייט צו צייט וועגן די אַקטיוויטעטן פון די לאָס אַנגעלעסער יידישע קולטור־אנשטאַלטן. (רעד.)

אין גראַפישער און פלאַסטישער קונסט, מאָזאַאיקס און פאָלקס־טענץ. אַ דראַמע דעפּאַרטמענט פאַר די וואָס פילן זיך באַגאַבט אויף דעם געביט, אונטער דער פירערשאַפט פון קאָמפּעטענטע אינסטרוקטאָרן. פון צייט צו צייט ווערן אויפגעפירט דראַמעס און קאָמעדיעס, אָפט פון יידישן לעבן, פאַר יונג און אַלט, אין דער ענגלישער שפּראַך, אונטער קאָמפּעטענטע רעזשיסאָרן.

פאַרן יידיש־רייידנדיקן ייד, וועלכער איז פאַראינטערעסירט אין יידישן המשך, איז אַ דערפרייענדיקער פאַקט די עקזיסטענץ פון אַ יידישער, מאָדערנער קינדער־שול אין צענטער. אַרום אַ הונדערט און פופציק קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער לערנען דאָרט יידישע לימודים אין דער יידישער און אויך דער העברעאישער שפּראַך. די געגנשטאַנדן ווערן געלערנט פון פינף קאָמפּעטענטע לערערס.

אינטערעסאַנט און לויבנסווערט איז די פאַרצווייגטע טעטיקייט צווישן עלטערע מענטשן, וואָס ווערט אָנגעפירט פון סערגעי נוטקעוויטש. דער ציל איז זיי צוגרייטן פיזיש און גייסטיק פאַר אַ לאַנג און גליקלעך לעבן. די אַקטיוויטעטן נעמען אַריין לעקציעס אויף פּאָפּולערע טעמעס, פאַראינטערעסירן זיי אין שעפערישער טעטיקייט דורך פלאַסטישער קונסט, דראַמע, מוזיק און געזאַנג. עס ווערט אויך אונטער זיין פירערשאַפט דורכגעפירט אַן עונג שבת פון און פאַר עלטערע מענטשן, צערעמאָניאַל, קאָלירפול און אינפאָרמאַטיוו, דורך יידישער מוזק, יידישע לידער און אַ קורצע רעדע אויף אַ יידישער טעמע. אין זיין פּראָגראַם גייט אויך אַריין די טעטיקייט פון אַ יידישן קולטור־קלוב, וואו די מיטגלידער הערן לעקציעס, פירן אַן דיסקוסיעס און לייענען שאַפונגען פון יידישע שרייבער אין דער יידישער שפּראַך.

ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט ווערט געשאָנקען דער יוגנט, צו פירן זיי אויפן דרך־הישר און פאַרהיטן זיי פון אויסגליטשן זיך. אַז אַזאַ געפאַר עקזיסטירט איז דער פאַקט וואָס פון צייט צו צייט הערן זיך שטימען אין דער פּרעסע, אויף דער ראַדיאָ, פון דערציער און פירנדיקע פערזענלעכקייטן אין לאַנד, וואָס זיינען באַזאָרגט פון דער ניט סטאַבילקייט פונעם אַמעריקאַנעם יונגן דור. מיר׳ן פּרובירן אָנווייזן אויף אייניקע סיבות וואָס האָבן גורם געווען צו דער אומרואיקייט פון דער יוגנט אין אַמעריקע.

אין דער יידישער אימיגראַציע קיין אַמעריקע, אין דעם ערשטן יאָרצענדליק פון 20טן יאָרהונדערט, סטימולירט פון דעם נדבן יעקב שיף, זיינען די מערסטע יידן געווען באַהויכט פון דעם טיף איינגעוואָרצלטן יידישן געדאַנק, אַז דאָס לעבן איז ניט קיין הפקר זאַך, נאָר פאַרקערט, מענטש דאַרף קאָאָפּערירן און העלפן דעם נויטבאַדערפטיקן און זיך צוהערן צום זיפצן פון יתום און דער אַלמנה און זיין געדעכט אין די אויגן פון מענטש און גאָט. צווישן דער ברייטער מאַסע אימיגראַנטן איז אפלו געווען אַ שיכט וואָס איז געווען באַאיינפלוסט פון יידישן אַלטערטום: תנ״ך און תלמוד. אַנדערע האָבן געטרונקען פון חסידישע קוואַלן און די לעגענדעס פון בעל־שם האָבן געפלאַטערט פאַר זייערע אויגן ווי פאַנטאַסטישע האָפנונגספולע פאַנען און גערופן צו אַן אינהאַלטרייך, ערלעך לעבן.

אָט דער דור, הגם געווען פאַרזונקען אין שווערער האָרעוואַניע, האָט ער דאָך באַוויזן זיך צו אַמעריקאַניזירן און באַקאַנען זיך מיטן גייסטיקן אין אַמעריקע, פּערזאָנאָפיצירט דורך וואָלט וויטמאַן מיט זיינע קרעפטיקע עפּישע געזאַנגען

וועגן אַ זאַטער, גערעכטער אַמעריקע; מיט די געדאַנקען פון דזשאָן דיואי, וויליאַם דזשיימס און טוירסטעין וועבלעין; מיט דער עלאָקווענץ פון עמערסאָן און לאָנגפעלאָ; פונקט ווי דער דור האָט זיך געשפיגלט אין די נאַציאָנאַל פּראָגרעסיווע טעאָריעס פון דר. חיים זשיטלאָווסקי און געטרונקען פון די לוי־טערע קוואַלן פון ראובן בריינינס ליבעראַלן נאַציאָנאַליזם. אַט־דער דור איז געווען בכוח צו באַאיינפלוסן זייערע קינדער מיטן גייסטיקן באַגאַזש פון דער אַלטער היים און מיט די קרעפטיקע קולטור־אוצרות פון אַמעריקע.

דער דריטער דור פון די אַמאָליקע עמיגראַנטן, סיי יידן סיי פון אַנדערע פעלקערשאַפטן, לעבט אין אַ צייט און אַטמאָספערע פון אינפלאַציע; דעם דאָלער איז ניט שווער צו פאַרדינען. די יוגנט האָט פאַר זיך אַ נייעם אָפּגאָט פון שנעלן מאַטעריעלן דערפאָלג, איז דאָס אידעאַלע שעפערישע קולטור לעבן אין אַמעריקע אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דעם ביליקן מאַטעריעלן דערפאָלג סטימולירט פון שונד־ליטעראַטור און פאַרנאָגראַפישע אויסגאַבן, וואָס פאַרפלייצן אונדזער לאַנד. אין אַזאַ אַטמאָספערע איז לייכט געשטרייכלט צו ווערן. לייענען מיר סאַקע גאַנץ אָפט, אַז יוגנטלעכע גליטשן זיך אויס פון לאַנגוויל און לוסט.

אויף דעם דעליקאַטן געביט האָבן יידישע צענטערס בכלל און דער „וועסט סייד יידישער צענטער" בפרט גרויסע פאַרדינסטן. ווי עס האָט מיר איבער־געגעבן דער דירעקטאָר, טשאַרלס מעסניק: איז די טרעגנירטע „קאָנסעלאָרס" אין „צענטער" געלונגען אָפּצובריכן עטלעכע יוגנט־„גענגס" און אַקטיוויזירן זיי אין שעפערישע, פריידפולע אַקטיוויטעטן אין צענטער. אַ שעפערישער מענטש איז אַ גליקלעכער, נוצלעכער מענטש.

עס זיינען פאַראַן אַקטיוויטעטן פון אַ ספּעציעלן מאַסן־כאַראַקטער, וואָס באַרייכערן דעם גייסטיקן ניוואָ פון די באַזוכער און פאַרשאַפן זיי פאַרגעניגן. שוין דרייצן יאָר אַז עס עקזיסטירט דער „אָפענער פאָרום" אין צענטער. יעדן מאָנטיק אָוונט ווערט געהאַלטן לעקציעס אויף טעמעס פון אַ פאָפּולערן כאַראַק־טער און ספּעציעלע געגנשטאַנדן. נאָך דער לעקציע ווערט דער עולם דער־מוטיקט צו באַטייליקן זיך אין פראַגן און דיסקוסיעס. די „פאָרומס" קולטיווירן דעם איינגעוואָרצלטן אַמעריקאַנעם איינשטעל, אַז יעדער איז באַרעכטיקט צו זיין מיינונג. די פאָרומס ווערן אָנגעפירט פון הערי קאָופמאַן און נעט מאַרינאָף.

אַ צווייטער „פאָרום" פון גרויס פאַרנעם זיינען די פּאַנעלן דיסקוסיעס פון אָנגעזעענע מאָלער און סקולפּטאָרן. זיי ברענגען צום עולם פאַרשיידענע קאָנ־טעמפּאָרערע אידייען אין קונסט אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער טעגלעכן שאַפונגס פּראָצעס. זיי באַרירן דעם כאַראַקטער פון נייע מאַטעריאַלן, וואָס מאָדערנע קינסטלער באַנוצן אין זייער אַרבעט. זייערע קינסטלערישע דערגרייכונגען אין פאַרשיידענע קונסט מעדיאומס ווערן דורך „סליידס" געוויזן אויפן עקראַן און פאַרשאַפן די באַזוכער אַ סך פרייד. די אינטערעסאַנטע אָוונטן ווערן אָנגעפירט פון דעם באַקאַנטן מאָלער און לעקטאָר איבער קונסט, עדוואַרד ביבערמאַן.

צווילינג אַקציעס אויפן קונסט געביט זיינען די אָפטע קונסט אויסשטעלונגען אין צענטער פון פאַרשיידענעם קאַליבער און קונסט־ריכטונג. זיי ווערן באַזוכט פון אַ פאַרשיידענעם עולם: מענטשן וואָס האָבן אַ באַגריף אין קונסט; וויסן אַז קונסט, פונקט ווי אַנדערע מענטשלעכע טעטיקייטן, גייען דורך אַנטוויקלונגען און ממילא ענדערונגען. זיי טאָלערירן עקסצענטרישע קונסט שאַפונגען; אַנדערע

גאָלדע שלאָסבערג־אַרפין

# חנוכה מיט אונדזער זיידן

אונדזער זיידע איז געווען אַ טשיקאַווער מענטש. ביי נאַטור אַ קמצן. דאָך פלעגט ער אַרויסהעלפן מיט אַ הלוואה צו אָרעמע מענטשן, וועלכע האָבן געדאַרפט פאַרדינען אויף זייער אויסקומעניש. ווען איינער האָט ניט געקענט צוליב געוויסע סיבות דעם חוב אָפּגעבן אין צייט, פלעגט דער זיידע באַרואיקן יענעם, און מיט אַ לייכטן מאַך מיט דער האַנט זאָגן: איר וועט מיר אָפּגעבן ווען איר וועט קאָנען.

ווען דער זיידע פלעגט מיר בעטן איך זאָל פאַרבייען זיין פוטער, וואָס האָט זיך אָפּט געריסן צוליב אַלטקייט, פלעג איך אים בעטן פינף־און־צוואַנציק קאָפּיקעס. פלעגט ער זיך צובייזערן און געהייסן מיר איך זאָל אַריינציען אַ נאָדל פאָדים, וועט ער אַליין פאַרנייען. האָב איך אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל: איך האָב אַריינגעצויגן דעם פאָדים אין נאָדל און אָפּגעלאָזט דעם שפּוליק...

ער נעמט אַרויס זיינע ברילן, זיי אויסגעווישט און אָנגעטאָן, לייגט אַוועק דעם פוטער אויף זיינע קני, נעמט די נאָדל אין האַנט און הייבט אָן זוכן דעם קניפּל. ער ציט און ציט — ניטאָ דער קניפּל! מיט אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל און מיט אַ געמאַכטן בייזן טאָן טוט ער אַ זאָג צו מיר: „שלעכטס" וואָס דו ביסט, אַזוי באַהאַנדלט מען עס אַ זיידן? נאַ, נעם און פאַרניי! דאָס מאָל וועל איך דיר געבן די 25 קאָפּיקעס, אָבער שטיפערקע, געדענק, עס קומט דאָך שוין באַלד חנוכה, וועל איך זיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען... איך האָב טריאומפירנדיק פאַרנייט זיין פוטער.

אונדזער פאָטער איז געווען דעם זיידנס יינגסטער און באַליבסטער זון, און מיר קינדער האָבן שטאַרק געקלעפּט זיך צום זיידן. ער האָט אונדז אַרויסגעוויזן מער ליבשאַפט ווי זיינע אַנדערע אייניקלעך. מיר האָבן געהאַט אַ ספּעציעלן צען־גלאָזיקן „סאַמאָוואַר" פאַר אים אַליין; קיינער האָט ניט געטאָרט זיך צו אים צורירן. און ווי נאָר מיר האָבן געוואוסט ווען דער זיידע קומט, האָט שוין דער „סאַמאָוואַר" געקאָכט, די גלאָז און צוקער־פּושקע געווען גרייט. דאָס האָט אים אַלע מאָל זייער געפריידט.

נאָכדעם ווי ער פרעגט זיך אויס, אויב מיר זיינען געווען גוטע קינדער, צי מיר האָבן זיך גוט געלערנט אין שול און אין חדר, האָט ער געגעבן יעדן פון אונדז אַ פּאָר קאָפּיקעס אויף נאַשעריי.

---

ווידער קוקן אויף די שאַפונגען פון די אולטראַ־מאָדערנע קונסט־שולן ווי אויף אַ בייז וואונדער און וואַרפן צו רויע עפּיטעטן. מיט דער צייט געוואוינט זיך צו זייער אויג צו די נייע פאָרמען. איז דאָס אַ געווינס סיי פאַרן קינסטלער, סיי פאַרן באַאַכאַכטער.

דער וועסט־סייד יידישער צענטער איז אַן אוניקום צווישן יידישע אינסטיטוציעס אין ל. א. און מער פון 35 טויזנט מענער און פרויען באַזוכן יעדן חודש די פאַרשיידענע אַקטיוויטעטן.

דער זיידע זעצט זיך ביים טיש, וואו זיין סאַמאָוואַר האָט געקאָכט. ער נעמט פאַמעלעך די גלאָז מיטן „פּאָסטאַוניק“, אַנגעגאָסן די טיי, גענומען אַ שטיקל צוקער, און מיט גרויס הנאה געטרונקען. איך האָב זיך צוגעקוקט ווי ער טרינקט שוין די פערטע גלאָז מיט בלויז איין שטיקל צוקער; פרעג איך דעם זיידן: ווי קומט עס, זיידע, וואָס דו קאָנסט טרינקען מיט בלויז איין שטיקל צוקער אַזוי פיל גלעזער מיט טיי? — פאַרשטייסט מיין קינד — זאָגט ער צו מיר מיט אַ פאַר־האַלטענעם שמייכל אין זיינע גראַ־בלויע אויגן — אַז מ׳האַלט נישט דעם צוקער אויפן שטראָם, נאָר מען האַלט עס אין זייט פון באַק, האָט מען אי זיסקייט און ס׳געדויערט לאַנג ביז ס׳צעגייט אין מויל...

חנוכה צייט פלעגט דער זיידע קומען גלייך פון שול צו אונדז. מיר, די פינף קינדער, פלעגן אים גיין אַנטקעגן. ער באַגעגנט אונדז מיט אַ וואַרעמען שמייכל. מיר גייען אים נאָך; ער טוט אויס זיין פוטער, אונדזער ברודער יאַנקל העלפט אים. דער זיידע זעצט זיך אויפן גרויסן ווייכן פאָטעל (שטול). ער נעמט אַרויס פון זיין קאַפּאָטע־קעשענע געפרוירענע עפל, גיט יעדן אַן עפל. דעם זיידנס הינטער־קעשענע איז צו אונדז קינדער געווען אַ גרויסע רעטעניש. וויפיל ער האָט פון דאָרט ניט אַרויסגענומען, האָט זיך אונדז נאָר געדאַכט, אַז דאָרט איז נאָך ווער ווייסט וויפיל געבליבן. מיר האָבן איינגעביסן אין די געפרוירענע עפל און דערפילט דעם גוטן וויניקן טעם.!

איבערן הויז האָט געשמעקט די לאַטקעס געפּרעגלט אין גענדזענע שמאַלץ, און אַנדערע גוטע חנוכה מאכלים. אויף די צוויי פענצטער אין עס־צימער זיינען געשטאַנען די אָפּגעפּוצטע זילבערנע חנוכה־לאָמפּן — איינער פאַרן פאָטער, דעדר צווייטער פאַרן זיידן. זיי באַלויכטן ממש די שטוב! דער זיידע בענטשט חנוכה־ליכט, מיר זאָגן אָמן. ער גיט דעם ברודער דעם שמש, ער זאָל אָוועקשטעלן אויפן אָרט וואו מ׳דאַרף. דערנאָך בענטשט דער טאַטע. זיין שיין געשטאַלט לויכט אויף; ער בענטשט אָפּ, מיר זאָגן אָמן. ער גיט דעם ברודער אַוועקצושטעלן דעם שמש. דער ברודער הויבט אויף זיין קאָפּ מיט גרויסקייט, וויל מיט דעם אונדז באַווייזן, אַז ער איז אַ מאַן! מיר זינגען אַ ליד וואָס דער לערער האָט אונדז אויסגעלערנט פאַר חנוכה:

אָ, איר קליינע ליכטעלעך!
איר דערציילט געשיכטעלעך,
מעשהלעך אָן אַ צאָל.
איר דערציילט פון בלוטיקייט,
בריהשקייט און מוטיקייט,
וואונדער פון אַמאָל...

נאָכדעם זיינען מיר געוואָרן זייער נייגעריק צו וויסן, וויפיל חנוכה־געלט דער זיידע וועט אונדז געבן דעם יאָר? ער זעצט זיך אַזוי ברייטלעך אַוועק אויפן ווייכן שטול, ער טוט געלאָסן אָן זיינע ברילן, און אויף זיין פנים איז אַ זוניקער שמייכל. מיטן ווינקל פון אויג קוקט ער אויף אונדזערע נייגעריקע פנימער. ער נעמט שווערלעך אַרויס פון קעשענע דאָס צו אונדז גוט־באַקאַנטע „בייטעלע“, עפנט פאַמעלעך עס אויף, און די פּראָצעדורע פאַנגט זיך אָן! ער טייל חנוכה־געלט נאָך די יאָרן. ער רופט צו די עלטסטע שוועסטער, ליבע, גיט איר אַ גלעט

איבער איר שיינעם, שוואַרצן, געקרייזלטן קאָפּ האָר, און גיט איר אַ גאַנצן רובל חנוכה־געלט! מיר האָבן אויסגעגלאָצט די אויגן! דערנאָך גיט ער דעם ברודער יאַנקלען אויך אַ רובל! ער רופט צו רחלען, גיט איר אַ גלעט איבערן קאָפּ און גיט איר 75 קאָפּיקעס. דער יינגסטער שוועסטער, בערטען, גיט דער זיידע פופציק קאָפּיקעס און אַ קוש אין באַק.

איך בלייב שטיין פונדערווייטנס מיט פאַרטרערטע אויגן: הייסט עס, אַז דער זיידע וועט מיר ניט געבן קיין חנוכה־געלט, ווי ער האָט מיר געוואָרנט?... ער קוקט אויף מיר מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל, רופט מיך צו און זאָגט: געדאַרפט האָב איך די ניט געבן קיין חנוכה־געלט, אָבער, דו האָסט שוין דיין שטראָף מיט דעם, וואָס דו האָסט געהאַט די שרעק! גיב איך דיר אויך אַ רובל און זע, זיי ניט קיין שטיפערקע! זיי אַ גוטע מיידל!

פאַר גרויס פרייד האָב איך אים אַרומגענומען און גוט אָנגעקושט. מיר האָבן אים געוואונטשן ער זאָל דערלעבן איבעראַיאָר און געבן אונדז ווייטער חנוכה־געלט. דעם זיידנס אויגן זיינען פרייכט געוואָרן... ער האָט יעדן קינד אַ קוש געטאָן און געהייסן גיין עסן; דערנאָך וועט מען שפּילן אין דריידלעך. מיטן געבן אונדז, צום ערשטן מאָל, אַזוי פיל מער חנוכה־געלט, האָבן מיר זיך הערפּילט היפשלעך אויסגעוואַקסן.

דער טאַטע האָט אונדז געגעבן חנוכה־געלט מיט דריי טעג שפּעטער, כדי מיר זאָלן האָבן וואָס צו דערוואַרטן... מיר האָבן געהאַט אַ סך קרובים, האָבן מיר געקראָגן אַ היבש ביסל חנוכה־געלט; האָבן מיר געהאַט דאָס געפיל, אַז מיר זיינען די רייכסטע קינדער אין גאַס!

אַזוי ווי חנוכה לערנט מען בלויז האַלבע טעג, האָבן מיר אַלע טאָג געשפּילט אין דריידלעך. אונדזער פאָטער האָט אונדז געהייסן ברענגען אונדזערע חברים און חברטעס צו זיך און צוזאַמען שפּילן אין דריידלעך.

אונדזער ברודער האָט געהאַט אַ זייער פעאיקן חבר, פלעגט ער חנוכה צייט אויסשניצן פון האָלץ אַ דריידל, דערנאָך אויסגיסן עס אין בליי און פאַרקויפן עס צו אונדז און צו אַנדערע קינדער אין דער נאָכבאַרשאַפט. מיר זיינען געווען זייער צופרידן מיט זיין אויפטו.

דער זיידע האָט ליב געהאַט צו שפּילן מיט אונדז אין דריידלעך. מיר לאָזן אים גיין דעם ערשטן. ער נעמט דאָס דריידל צווישן זיינע דיקלעכע פינגער, האַלט עס אַ ווילע און לאָזט עס גיין: ס׳דריידלט זיך אַ לענגערע צייט ביז עס פאַלט אויף גימל. ער קוקט דורך זיינע פאַרזשמורעטע אויגן אויף די פנימער פון די קינדער און בלייבט שטיין. די קינדער הייסן אים נעמען דאָס געלט... ער גייט ווידער, ס׳פאַלט אויף „הא“— ווידער זיינס. ער גייט אַוועק איבערלאָזנדיק דאָס געווינס מיט נאָך עטלעכע קאָפּיקעס דערצו... די קינדער קוקן זיך איבער... צופרידענע נעמען זיי זיך צו דער שפּיל. מען געווינט; מען פאַרשפּילט; ס׳איז אַ געטומל! דערנאָך גייט מען זיך גליטשן פון „שאָפּענס“ באַרג, וועלכער איז ניט ווייט פון אונדזער היים. מיר שליטלען זיך אַ לענגערע צייט. מען וואַרפט זיך מיט שניי־קוילן, ביז דער אָוונט פאַלט צו און מיר גייען אַהיים.

און אָט איז שוין אויס חנוכה, אויס זיין פריי! און אַוועק איז נאָך אַ פריי־דיקער יום־טוב פון אונדזערע קינדער־יאָרן . . .

א. כראַבאָלאָווסקי

# רעליגיעזע און וועלטלעכע יידישע דערציאונג

דער דאָזיקער וויכוח ציט זיך שוין ביי אונדז און וועט זיך ווייטער ציען „פון אייביקייט ביז אייביקייט". לעצטנס איז עס ווידער באַנייט געוואָרן אין דער יידישער פרעסע. מיר גיבן דאָ נאָר אַ קיצור דערפון, וואָס פאַרשידענע צדדים האָבן וועגן דעם ענין פאַרעפנטלעכט.

די לעצטע אַרויסטרעטונגען האָבן זיך דער עיקר געפירט צווישן יעקב גלאַטשטיין, וואָס האָט אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל א"נ „יידישע דערציאונג—וואוהין?", וואו ער האָט זיך פאַררופן אויף „זיידעס און באָבעס, וועמענס אייניקלעך באַזוכן איצט וועלטלעכע יידישע שולעס, אָדער זיי קומען בלויז אָפּ מיט אַביסל וועלטלעכע יידישקייט, וואָס ווערט זיי איינגעגעבן דורך די צוויי זומער־חדשים." די זיידעס האָבן אַביסעלע צו שפּעט חרטה געהאַט אויף זייער אַמאָליקע „זינד" און געזאָגט „מיט אַ זיפץ, ווען זיי וואָלטן איצט אָנגעהויבן פון דאָס ניי, וואָלטן זיי זייערע קינדער געגעבן אַ יידיש־רעליגיעזע דערציאונג." דאָס איז פאָרגעקומען אין קעמפּ „בויבעריק", וואָס איז, ווי באַקאַנט, דער פאָלקסטימלעכסטער צווישן אַלע קעמפּס אַרום ניו־יאָרק.

די סיבה פון דער חרטה פון זיידע־באָבע איז, וואָס זייערע קינדער, וועמען זיי האָבן געגעבן אַ יידיש־וועלטלעכע דערציאונג, זיינען אַוועק פון זיי. „אין בויבעריק — שרייבט יעקב גלאַטשטיין — זיינען געווען אַ צאָל יידישע שרייבערס, עסייאיסטן, נאָוועליסטן, פּאָעטן, קריטיקערס און פּובליציסטן — האָבן זיי געפילט אין אַ וואַרעמער סביבה צווישן די עלטערע יידן אין בויבעריק, אָבער זיי זיינען געווען די איינזאַמסטע צווישן ד איינזאַמע, אויב זיי האָבן אַ טראַכט געטאָן וויפיל שייכות זיי האָבן מיט דעם צווישן־דור, מיט די טאַטעס און מאַמעס, וועמעס קינדער ווערן איצט זומערדיק דערצויגן אין בויבעריק."

ווייטער שרייבט י. ג.: „איך זאָג קאַטעגאָריש, אַז אויב די יידישע שולעס האָבן ניט אַרויסגעגעבן כאָטש עטלעכע הונדערט יידישע צייטונגס־לייענער, האָט מען זיי געמעגט פאַרמאַכן מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, אָדער דראַסטיש רעווידירן, איינזעענדיק, אַז אַזאַ בילדונג האָט קיין האַפט ניט."

אויף אָט־דעם אַרויסטריט קעגן דער יידיש־וועלטלעכער שול, האָבן קודם כל געגעבן אַ בשותפותדיקן ענטפער, זלמן יעפּרויקין, אין נאָמען פון אַרבעטער רינג בילדונגס קאָמיטעט, און שאול גוטמאַן, אין נאָמען פון שלום עליכם פאָלקס־אינסטיטוט. אין זייער ענטפער, פאַרעפנטלעכט אין „ט.־מ.־זש.", שרייבן זיי צווישן אַנדערעס:

„די יידיש־וועלטלעכע שול איז ניט קיין עקספּערימענט פון יחידים אָדער גרופּעס, נאָר אַן אויסדריק פון אַ לעבנס־וועג (בעסער געזאָגט, פון אַ פּראָצעס פון יידישן לעבן, ווי עס איז פאָרגעקומען ביי אַנדערע פעלקער—א.כ.) און פון טיפע יידישע נאַציאָנאַלע אידעאַלן. די וואָס האָבן געבויט און בויען איצט יידיש־וועלטלעכע שולן, האַלטן, אַז יידן זיינען אַ פאָלק מיט אַ ברייטער און פאַרשידנאַרטיקער קולטור, הן רעליגיעזע, הן וועלטלעכע.

אַוודאי האָבן מיר אַלע מאָל געוואָלט דערגרייכן מער; זיכער ווייסן מיר, אַז מיר זיינען נאָר אַ קליינע מינדערהייט, דאַרפן מיר דערפאַר זיך אָפּזאָגן פון

איגענעם וועג און רופן? גייט אין תלמוד־תורות, גייט אין קאָנגרעגיישאַן־שולן? דיזעלביקע לאָגיק וואָלט דאָך לאַנג געדאַרפט פירן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק צו אַ זעלבסט־מאָרד.

„אין משך פון פינף־און־צוואַנציק יאָר זיינען פאָרגעקומען כסדרדיקע און גרונטלעכע שינויים אין דער יידיש־וועלטלעכער שול. זייער אַלגעמיינע טענדענץ איז געווען און פאַרבליבן — צו מער און צו מער פאַרטיפטער יידישקייט. די יידישע לערערס און די פירערס פון די שולן האָבן קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן קיין פאַרגליווערטקייט; קיין „זעלבסט־צופרידנקייט" אַוודאי ניט. אויף זייערע שווערע פּאָזיציעס אין געראַנגל פאַרן יידישן קיום, האָבן מיר כוחות ניט געזשאַלעוועט. מיר האַלטן אין בייטן פּראָגראַמען, אופנים פון לערנען. מיר פילן אַז מיר טוען אונדזער חוב לגבי דער דערציאונג פון די קינדער, וואָס זיינען אונדז אָנפאַרטרויט און לגבי דעם גאַנצן יידישן קיבוץ דאָ אין לאַנד. און אויב מיר זיינען צעוואונדיקט, און אויב מיר פילן, אַז ניט אַלץ וואָס מיר ווילן קענען מיר דערגרייכן — איז ווי זאָל מען אָנרופן דאָס שיטן זאַלץ אויף אונדזערע וואונדן?"

מיר קענען זיך ליידער לענגער ניט אָפּשטעלן אויפן ענטפער קעגן אַלע אָנפאַלן אויף וועלטלעכער יידישקייט און יידיש־וועלטלעכע דערציאונג, וואָס א. גלאַנץ האָט געגעבן אין זיינע צוויי אַרטיקלען אין „ט.־מ.־זש." א"נ: „קנאַפּער גלויבן" און „מוסטער און אָנזאָג". נאָר איין זייער כאַראַקטעריסטישע שטעל, וואָס איז גאָר וויכטיק אין דער דעבאַטע, מוז מען ציטירן. עס רעדט זיך וועגן אַ יונגער פרוי, וואָס האָט באַקומען אַ יידיש־וועלטלעכע דערציאונג, איז אָבער ניט ממשיך איר וועלטלעכע יידישקייט. אויף דער פראַגע, צי זי באַדוערט איר יידישע דערציאונג, ענטפערט זי:

„אַ, ניין, איך באַדויער אַבסאָלוט ניט מיין יידישע דערציאונג, ווי אויך מיינע יידישיסטישע עלטערן האָבן מיך גייסטיק באַרייכערט, אויסגעברייטערט מיין האָריזאָנט, געהאָלפן זען דאָס עכטע אַמעריקאַנישע לעבן פון דער אַרומיקער סביבה, אי מיט ברייטער ליכט, אי מיט גרעסער קריטישער אמתדיקייט."

די פרוי האָט גערעדט פאַר הונדערטער, אויב ניט טויזנטער אירס גלייכן.

לאָמיר דאָ ברענגען אפשר די וויכטיקסטע עד ראיה — אַ שילערין פון אַ יידיש־קלוב אין אַ היי־סקול אין די בראָנקס, דזשאָון שולמאַן. דאָס איז די איינלייטונג צו איר קאָנטעסט־עסיי, וואָס זי האָט געשריבן:

„איך וועל שרייבן מיין אָפּהאַנדלונג וועגן יידישקייט, ווייל יידישקייט איז ניט קיין צערעמאָניע, אָדער טראַדיציע, נאָר אַ טיפער, איינגעוואָרצלטער גלויבן אין דעם קיום פון אַ פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן פאַר זיין תורה און עטיק." (באַריכט פון ס. רעגענסבערג אין „פאָרווערטס").

און איר ווייסט מסתמא, אַז אין די יידיש־קלובן לערנט מען יידיש און אַלץ וואָס יידיש פאַרמאָגט. פאַרשטייט זיך, ניט אַנדערש זיינען אונדזערע יידיש־וועלטלעכע שולן.

דזשאָון שולמאַן, אין איר עסיי, פאַרגעטערט אויך איר פאָטער און איז דאַנקבאַר אירע עלטערן, וואָס זיי האָבן איר געלערנט יידיש און שטאָלצירט מיט די ביכער פון די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס באַצירן איר היים. זי איז נאָר איינע פון עטלעכע און דרייסיק שילערינס, וואָס האָבן מיט

זייערע עסייען געוואונען אין יידיש־קאָנטעקסט. אויב די מלשינים פון יידיש־וועלטלעכער דערציאונג קענען אויפווייזן עפּעס בעסערס פון אַנדערע טיפּן שולן, איז אַדרבא, זאָלן זיי עס באַווייזן.

* * *

דאָס שענסטע פון דעם אַלעם איז, וואָס אין אַן אַנדער אַרטיקל אין „ט.־מ.זש.״ א״ג: „יידישע היים און שול״, איז יעקב גלאַטשטיין זיך אַליין סותר. ער באַשרייבט דאָרט אַ יידיש־וועלטלעכע פאַמיליע, וואָס איז די לאָס אַנדזשעלעסער יידישע קולטור־מענטשן גוט באַקאַנט. דאָס איז די פאַמיליע פון אהרן פישמאַן, זיין פרוי סאָניע, זיין זון שיקל, איצט ד״ר יהושע פישמאַן, און זייער טאָכטער רחל, אַ מיטגליד פון דער שרייבער־גרופּע „יונג ישראל״. אירע לידער זיינען שוין דערשינען אין דער „גאָלדענער קייט״. ד״ר פישמאַן איז איצט „דיען״ פון ישיבה־אוניווערזיטעט „סקול אָוו עדיוקיישאַן״ אין פּענסילווייניע.

„הייסט עס — שרייבט י. ג. — איז דאָס יידישע לשון (און מ׳דאַרף צוגעבן די יידיש־וועלטלעכע דערציאונג סיי אין דער היים, סיי אין דער שול—א.כ.) האָט אים גאָרניט געשטערט, נאָר פאַרקערט, האָט געשטאַרקט זיין ווילן צו גיין פאַר־אויס אויפן וועג פון גרעסערער נוצלעכקייט פאַרן יידישן חינוך.״

דאָ קומט נאָך אַ שענערע געשיכטע: אין מדינת ישראל איז לעצטנס געשאַפן געוואָרן אַן „אינסטיטוט פאַרן היינטצייטיקן יידנטום״, וואָס דאַרף באַקענען די ישראלדיקע יונגעלייט מיטן לעבן פון יידן אין די תפוצות. בראש פון דעם אינסטיטוט שטייט אַ געלערנטער, משה דייוויס, וועלכער „איז אויך אַ יונגער אַמעריקאַנער, אַ מושלם אויף זיין געביט און זייער באַרימט אין העב־רעאישע דערציערישע קרייזן.״

וואָס פאַר אַ אינסטרוקציעס האָט ד״ר משה דייוויס געגעבן די יונגעלייט, וואָס דאַרפן זיין די צוקונפטיקע שלוחים צו די יידישע ישובים ?

„אַז אַ שליח אין די יידישע ישובים טאָר ניט ריידן קיין יידיש ביים אויפ־טרעטן פאַר אַ יידישן עולם״— באַמערקט וועגן דעם יעקב גלאַדשטיין:

„אָט־די נייע ווילדע גזירה איז ממש צום שטוינען. ס׳וואָלט זיך דערפאַר געוואָלט אַראָנזשירן אַ דעבאַטע צווישן אַזעלכע צוויי יידישע אַמעריקאַנער גע־לערנטע ווי ד״ר יהושע פישמאַן און ד״ר משה דייוויס. זאָל אונדז ד״ר דייוויס עפנטלעך מגלה סוד זיין, פאַרוואָס ער איז אַזאַ אינקוויזיטאָר אויף יידיש, און זאָל ד״ר פישמאַן מיט אים זיך אויסטענהן.״

דער עיקר פון אַרטיקל איז אָבער דער אויספיר, צו וועלכן י. ג. קומט, „אַז וואָס פאַר אַ שטייגער יידישע דערציאונג עלטערן זאָלן ניט אויסקלייבן פאַר זייערע קינדער, מוז די היים דאָמינירן די שולע.״

זאָלן דערבער די יידישע שרייבער, עסייאיסטן, נאָוועליסטן, פּאָעטן, קרי־טיקער און פּובליציסטן און די טויזנטער יידישע יידן מיט זיי ניט באַשולדיקן אַנדערע אין זייער איינזאַמקייט, נאָר זוכן די סיבות אין די חטאים, וואָס זיי אַליין זיינען באַגאַנגען קעגן דער דערציאונג פון זייערע קינדער אויפן ערשטן אָרט אין זייער אייגענע היים און מיט זייער גאַנצע קהלישע טעטיקייט, וואו די יידישע דערציאונג האָט פאַרנומען און פאַרנעמט ווייטער דעם מינדסטן, דעם אומוויכטיקסטן אָרט.

און די אַלע, וואָס זיינען לעצטנס אַרויסגעטראָטן קעגן וועלטלעכער קולטור און וועלטלעכער יידישער דערציאונג, וואָלטן מער נוצן געבראַכט דעם גאַנצן יידישן לעבן דאָ, ווען זיי אַלאַרמירן די יידישע עפנטלעכקייט אויף דעם שוידער־לעכן פאַקט, וואָס פון די הונדערטער מיליאָנען, וואָס ווערן דאָ געזאַמלט, גייען נאָר גראָשנס, און אַמאָל דאָס אויך ניט, פאַרן אויפהאַלט פון יידישן קולטור־לעבן און יידישע דערציאונג, סיי רעליגיעזע, סיי וועלטלעכע.

* * *

גראָד איז עס אַזוי געשען, אַז בעתן שרייבן דעם אַרטיקל, האָט פריינד י. פרידלאַנד, פאָרזיצער פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב און רעדאַקטאָר פון "חשבון", געהאַלטן זייער אַ וויכטיקע פאָרלעזונג אין קולטור־קלוב כמעט אויף דער זעלביקער טעמע אין איינעם פון די ליטעראַרישע מאַנטיקס: „יידישקייט אין ליכט פון וועלטלעכקייט." פריינד פרידלאַנד האָט זיך אויספירלעך אָפּגע־שטעלט אויפן מהות פון וועלטלעכער יידישקייט, וואָס איז אויפגעקומען ווי אַ רעזולטאַט פון יידישן רענעסאַנס און אַנטוויקלונג פון יידישן לעבן, וואָס האָט אַרויסגעפירט אויף דער גרעזלשאַפטלעכער אַרענע נייע סאָציאַלע כוחות און צוזאַמען דערמיט נייע סאָציאַלע באַוועגונגען ווי „בונד", ציוניזם, טעריטאָריאַ־ליזם אא"וו; ער האָט פאַרגליכן וועלטלעכע יידישקייט מיט אַנדערע פאָרמען און נוסחאות פון יידישן לעבן און געקומען צום אויספיר, אַז וואָס עס פעלט אונדזער וועלטלעכע יידישקייט איז אַן אַלגעמיינער נוסח, וואָס זאָל פאַרבינדן מאָדערנע יידישע וועלטלעכקייט מיט די שענסטע און גייסטיק דערהויבענע יידישע טראַ־דיציעס, ווו דאָס פייערן יום־טובים, משפחה שמחות, ווי חתונות, בר־מצוות און להבדיל, תלילה, לוויות; און עס פעלט די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלעוועלטלעכע יידן און אויסאַרבעטן פאַר אונדז דעם געהעריקן נוסח, ווייל אַן דעם פעלט דעם וועלטלעכן ייד, מיט אַלע זיינע אויפטועך און דערגרייכונגען, דער געזונטער באָדן אויף וועלכן זיך צו האַלטן און דער באַ־שטימטער נוסח, דורך וועלכן ס'זאָל קומען צום אויסדרוק סיי זיין יידישקייט, סיי זיין וועלטלעכקייט, אָדער, בעסער געזאָגט, זיין וועלטלעכקייט אין ליכט פון דער אייביקער אידייע, וואָס הייסט יידישקייט.

דאָס אַלץ איז בלי ספק אמת. מען דאַרף נאָר דערצו באַמערקן, אַז אייגנטלעך האָבן מיר שוין אַזאַ אַלץ־אַרומנעמענדיקע אָרגאַניזאַציע, דאָס איז דער „אַל־וועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס." אָבער ליידער האָט מען ביז איצט ווייניק געטראַכט וועגן דעם און נאָך ווייניקער געטאָן אויף דעם געביט.

צום סוף איין קליינע באַמערקונג: דאָס אַלץ וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן וועט נאָר זיין נוצלעך, ווען מיר וועלן זיך ניט באַנוגענען נאָר מיט ווערטער: אויב צוזאַמען מיט די ווערטער, וואָס זיינען געזאָגט אָדער געשריבן געוואָרן, וועלן ניט קומען קיין מעשים — האָבן די שענסטע און בעסטע זאָגעכצן און שרייבערייען קיין זין ניט.

---

## ווערט אַ שטענדיקער אַבאָנענט פון דעם „חשבון"

---

יצחקי

# מכוח אייגענע און נאָענטע ענינים

## יידיש פאַר אַ בעסערער מערכה

ס'איז אונדזער פרייד צו פאַרצייכענען, אַז די מערכה פון יידיש בעסערט זיך. ס'מערקן זיך ליכטיקערע האָריזאָנטן, טראָץ דעם יאוש־געפיל וואָס כאַפּט אַרום דעם יידישן קולטור־עסקן און שרייבער: צי זיינען מיר ניט די לעצטע מאָהיקאַנער?

אַט לייענען מיר אַ ידיעה, אַז דער יידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר האָט באַשלאָסן איינצופירן דעם לימוד פון דער יידישער שפּראַך אין זיין שול פאַר יידיש וויסן. דער טעאָלאָגישער סעמינאַר טוט עס מיט דער כוונה כדי די סטודענטן זאָלן ביכולת זיין צו לייענען די יידישע ליטעראַטור אין אָריגינאַל ווי אויך די יידישע צייטונגען און זשורנאַלן.

כידוע איז דער „דזשואיש טעאָלאָדזשיקאַל סעמינאַר" געווען אַלע יאָרן, זינט זיין עקזיסטענץ, ווייט, זייער ווייט פון יידישן לשון און יידישער ליטעראַטור אויף יידיש. מיט דעם באַשלוס אָנצופירן דעם לימוד פון דער יידישער שפּראַך האָט יידיש ענדלעך באַקומען דאָס פאַרדינטע בירגער־רעכט אין דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר.

* * *

אַ צווייטע דערפרייענדיקע ידיעה פאַר יידיש קומט פון דער „באָארד אָוו עדיוקיישאַן" פון דער שטאָט ניו־יאָרק, אַז זי האָט איינגעפירט אַ קורס פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, ספּעציעל פאַר די לערער פון די ניו־יאָרקער פּאַבליק סקולס און הויך־שולן; דאָס הייסט, אַז די לערער וועלן זיך פאַרפאַרטיקן ווי אַזוי צו לערנען יידיש מיט קינדער און דערוואַקסענע.

ס'ווערט אויך מיטגעטיילט: יעדער וואָס וועט אויפנעמען דעם קורס, וועט באַקומען ביים „באָארד אָוו עדיוקיישאַן" דעם פולן קרעדיט אין שייכות צו שכירות העכערונג וואָס ווערן געגעבן צו לערערס, וואָס נעמען אויף קורסן אין דער קאַטעגאָריע „בי", צווישן וועלכער דער קורס פון יידיש איז אנערקענט.

* * *

יידישע קלובן פאַר תלמידים פון די ניו־יאָרקער היי־סקולס פאַרמערן זיך. פון דעם באַשיידענעם אָנהויב מיט פינף אַזעלכע יידיש קלובן פון לעצטן זמן, זיינען שוין דאָ איצט אַזעלכע יידיש־קלובן 17, און מ'דערוואַרט, אַז נאָך הייַנטיקס יאָר זאָל מען שוין לערנען אויך יידיש אין רעגולערע קלאַסן פון די היי־סקולס ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער לימוד.

וואָס גאָר וויכטיק איז צו דערמאָנען, אַז דער ב ו ד ז ש ע ט פון דעם קורס וועט צוגעשטעלט ווערן פון דער שטאָט ניו־יאָרק.

מיט דעם בודזשעט פּראָבלעם ראַנגלט זיך דער יידישער שול־וועזן אין אַמעריקע זינט זיין אויפקום, במשך קרוב פון אַ האַלבן יאָר־הונדערט, ליידער, אַ גרויס דערפאַלג הן אין איכות והן אין כמות . . .

* * *

די יעקב דוד בערג קאַטעדרע פאַר דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור אין דעם בראַנדייס אוניווערסיטעט, באָסטאָן, האָט שוין אָנגעהויבן צו

פונקציאָנירן, אונטער דער אָנפירונג פון דעם באַוואוסטן יידישן געלערנטן, פּראָפעסאָר מיכאל אסטור, וועלכער האָט זיך לעצטנס באַזעצט אין אַמעריקע, קומענדיק אַהערצו פון פּאַריז, פראַנקרייך.

* * *

## אוניווערסיטעט פאַר יידישקייט אין לאָס אַנגעלעס

ריידנדיק מכוח דעם לימוד פון דער יידישער שפּראַך אין די אויבן־דערמאָנטע אוניווערסיטעטן, איז וויכטיק אויך צו דערמאָנען וועגן דעם לימוד פון יידיש אין אונדזער היגן לערן־אנשטאַלט, באַקאַנט אַ"נ: אוניווערסיטי אָוו דזשודאַאיזם."

אַ ביז גאַר אינפאָרמאַטיוון אַרטיקל וועגן דעם לימוד אין דעם "אוניווער־סיטעט פאַר יידישקייט" האָט אָנגעשריבן דער באַקאַנטער שריפטשטעלער, אָשר פּען, אין "ט.־מ.זש.". דורך דעם אַרטיקל דערוויסן מיר זיך, אַז אויף די קורסן פאַר דערוואַקסענע לערנען העכער 600 מענער און פרויען און מ'לערנט דאָרטן איבער 60 פאַרשיידענע געגנשטאַנדן: יידיש, העברעאיש, חומש מיט רש"י, די נביאים, תלמוד, יידישע געשיכטע, פילאָזאָפיע, יידישע און העברעאישע ליטעראַ־טור, יידישע קונסט. אַ ספּעציעלער דעפּאַרטמענט ביים אוניווערסיטעט האָט צו טאָן מיט פאַרשיידענע קונסטן.

גרויס אויפמערקזאַמקייט שענקט דער אוניווערזיטעט צו דער יידישער היי־סקול" יוגנט. דורך פאַרשיידענע קורסן פאַראינטערעסירט מען די יונגע סטו־דענטן, אַז זיי זאָלן ווייטער אַנגיין מיט די יידישע לימודים. ביים אוניווערזיטעט איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ שול פאַר יידישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט ("סאָשעל וואָרקערס") און אָנפירער פון יוגנט־קלובן, לערער פאַר זונטאַג־שולן און קאָונסעלערס פאַר העברעאיש־ריידנדיקע קינדער־קעמפּס.

איינע פון די אָפּטיילונגען וואָס די הויך־שול זוכט צו אַנטוויקלען איז, די אָפּטיילונג פאַר קונסט, דראַמע, מוזיק און טענץ, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דעם באַוואוסטן קינסטלער און טאַנץ־מייסטער, בנימין צמח. פון צייט צו צייט פירט טאַקע צמח דורך גאַנץ פיינע דראַמאַטישע אויפפירונגען און מוזיקאַליש־קינסטלערישע אָוונטן.

זאָל דאָ, צום שבח פון אָשר פּען, דערמאָנט ווערן, אַז ער, מער ווי וועלכע אַנדערע שריפטשטעלער, וואָס האָבן באַזוכט ל. אַ., האָט געטריי אויספירלעך באַהאַנדלט דעם קולטור שעפערישן לעבן פון אונדזער, ווי אויך הייון וואַקסנדיקן יידישן ישוב.

דורך זיין סעריע אַרטיקלען אין "ט.־מ.זש." האָט די יידישע וועלט געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט דעם צווייטן גרעסטן יידישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַזוי האָט ער באַשריבן דעם ל.אַ. יידישן קולטור קלוב, וואָס וועט פייערן דעם יאָר זיין 35 יאָריקן יובל; דעם קלובס פאַרצווייגטע קולטור־אַקטיוויטעטן; די אויסגאַבע פון דעם זשורנאַל "חשבון", אַרויסגעגעבן פון קלוב מיט דער גרופּע שרייבער ביים זשורנאַל. ער האָט אויך באַשריבן די טעטיקייטן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער אַרבאַנד, אַרבעטער רינג, אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג, די פרויען לייען־קרייזן, די כלערליי שולן, טעמפּלען, ישיבות און "צענטערס".

מיר ווילן אים דאָ, ביי דער געלעגנהייט, אויסדריקן אַ וואַרעמען יישר־כוח אין נאָמען פון דער גאַנצער יידישער עפנטלעכקייט אין לאָס אַנגעלעס.

# לייבוש לעהרער — גאַסט פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

דער באַוואוסטער יידישער געלערנטער, קולטור־עסקן, מחבר פון אַ צאָל קערנדיקע יידיש־פּילאָזאָפישע און דערציערישע ווערק, וועט זיין דער גאַסט פון יידישן קולטור קלוב אין לאָס אַנגעלעס אַרום דעם חודש פעברואַר. ביים פייער־לעכן קבלת־פּנים וואָס דער קולטור קלוב גרייט צו, וועט דער חשובער גאַסט אויפטרעטן מיט אַ רעפעראַט מכוח אַ וויכטיק, אינטערעסאַנטן און באַלערנדיקן ענין. לייבוש לעהרער וועט אויך אויפטרעטן דאָ אין שטאָט ביי אַ צאָל פאַרבאַנד צווייגן, אוניווערסיטי אָוו דזשודאַאיזם און אַנדערע קולטור אָרגאַניזאַציעס.

פאַר די יידישע קולטור־טוער און בעסערן יידישן לייענער איז לייבוש לעהרער זיכער ניט קיין פּנים חדשות. חוץ יידישער געלערנטער, פילאָזאָפישער דענקער און שריפטשטעלער, איז ער אַ ביז גאָר וויכטיקער קולטור עסקן ביים „יידיש וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט”; אין דעם יידישן לערער סעמינאַר האָט ער געהאָלפן צוגרייטן אַ דור לערער פאַר דעם יידישן שול־וועזן אין אַמעריקע; אין דעם שלום־עליכם אינסטיטוט האָט ער אַ סך משפּיע געווען ווי אַ טעאָרעטיקער פון דערציאונג און אין דעם קעמפּ „בוביבעריק” איז ער, זינט זיין גרינדונג, דער גייסטיקער מדריך פון דער יוגנט און די עלטערן באַזוכער.

לייבוש לעהרער האָט אויך פיל משפּיע געווען אויף די אידייען און גייסט פון יידיש־וועלטלעכן באַנעם.

ניט לאַנג צוריק איז געפייערט געוואָרן אין ניו־יאָרק פופציק יאָר דער־ציערישע, וויסנשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון לייבוש לעהרער. די איינאָרדערער פון דער גרויסער פייערונג זיינען געווען: דער ש״ע פאָלקס־אינסטיטוט; דער לערער סעמינאַר; דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד; דער אַרבעטער רינג; אַלוועלטלעכער יידישער קולטור קאָנגרעס! דער פּען קלוב און דער י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין.

דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב קומט באמת אַ יישר־כּוח פאַר דער באַמיאונג איינצולאַדן דעם זייער חשובן גאַסט, לייבוש לעהרער, קיין לאָס אַנגעלעס, וואָס דאָס איז, אַגב, זיין ערשטער וויזיט אין אונדזער גרויסן יידיש וואַקסנדיקן ישוב.

די יידיש־יידישע לאָס אַנגעלעס וועט אויפנעמען דעם זייער חשובן גאַסט מיט גרויס יראת־הכבוד, ווי ער האָט עס באמת פאַרדינט.

---

**דער פייערלעכער קבלת פּנים לכבוד דעם באַרימטן**
**שריפטשטעלער און יידישן געלערנטן**

## לייבוש לעהרער

**וועט פאָרקומען**

**שבת אָוונט, דעם 25־טן פעברואַר, 1961**

**אין זאַל פון קולטור־קלוב, 4213 מאָנראָו גאַס**

אויפזיכט: לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

---

# ליטעראַרישע נאָטיצן

**דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור קאָנגרעס** טרעט צו אויס־צופירן דעם באַשלוס פון זיין צוזאַמענפאָר: אַרויסצוגעבן יערלעכע ליטעראַרישע אַלמאַנאַכן געווידמעט דער יידישער ליטעראַטור, אונטערן נאָמען „יידיש". זיי וועלן אנטהאַלטן פון 400 ביז 500 זייטן און וועלן אָפּגעבן אַ גרעסערע צאָל זייטן אויף בעלעטריסטיק — דערציילונג, דראַמעס, עסייען און פּאָעזיע. עס וועלן אין זיי אויך זיין אָפּהאַנדלונגען איבער אַקטועלע ליטעראַרישע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

די רעדאַקציע־קאָלעגיע פון די יערלעכע אַלמאַנאַכן „יידיש" וועט באַשטיין פון: מלך ראַוויטש, יעקב פּאַט און זייוול דיאַמאנט, רעדאַקציע סעקרעטאַר. די רעדאַקציע בעט אַלע יידישע שרייבער, וואָס ווילן זיך באַטייליקן אין די אַלמאַנאַכן „יידיש", זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער רעדאַקציע.

* * *

**מרדכי יאַפע**, באַוואוסטער דיכטער אַנטאָלאָגיסט, געפינט זיך איצט אין ישראל אין די אינטערעסן פון דער אַנטאָלאָגיע: „ישראל אין דער יידישער ליטע־ראַטור", וואָס ווערט דאָרט צוגעגרייט צום דרוק אין דעם י. ל. פּרץ פאַרלאַג.

* * *

**רבקה באַסמאַן**, דיכטערין, און **בן-חיים**, ישראל מאָלער, זיינען געקומען פון ישראל אויף אַ באַזוך קיין אַמעריקע. רבקה באַסמאַן איז באַקאַנט דעם בעסערן יידישן לייענער פון איר בוך לידער: „טויבן ביים ברונעם", ווי אויך פון אירע לידער אין די זשורנאַלן „די גאָלדענע קייט" און „יונג ישראל."

**בן-חיים**, דער מאָלער, האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק געהאַט אַן אויס־שטעלונג אין ישראל און איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון די וויכטיקסטע ישראל קונסט קריטיקער.

* * *

**די דראַמע „משה" פון מנחם באָריישאָ**, איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש פון שמשון מעלצער און איז אויפגעפירט געוואָרן אין דעם תנ"ך טעאַטער אונטער דער רעזשי פון משה הלוי. גרויס אויפמערקזאַמקייט האָט געצויגן דער פאַקט, וואָס דער תנ"ך טעאַטער האָט אָנגעהויבן דעם רעפּערטואַר מיט אַ ווערק וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער יידישער שפּראַך.

* * *

**אין דעני קעי'ס בוך פאַר קינדער** איז איינגעשלאָסן ד"ר ש. סיימאָנס דערציילונג א.ב. „פּיניע פאָרט קיין וואַרשע."

* * *

**אונדזער חשובע דיכטערין, מלכה חפץ-טוזמאַן**, מיט איר מאַן, לערער, שלמה טוזמאַן, צוריקקומענדיק פון אייראָפּע און ישראל, האָבן זיך באַ־זעצט אין צפון קאַליפאָרניע, אין דעם שטעטל ראַפּאַעל. ס'איז צו דערוואַרטן אַז זיי וועלן שטאַרק אַ בענק טאָן נאָך אַ יידיש־ליטעראַריש און קולטור־סביבה, וועלן זיי זיך צוריק אומקערן צו דער יידיש שפּרודלדיקער לאָס אַנגעלעס.

* * *

**נח גאָלדבערג**, באַקאַנטער דערציילער פון ל. א. און זיין פרוי לאה, ווילן זינט לעצטן יוני אין ניו־יאָרק. מיר הערן פון זיי גרוסן, אַז ס'בענקט זיך זיי זייער שטאַרק נאָך ל. א. און ווילן בקרוב קומען צוריק. דער „חשבון" און דער ל. א. „פען קלוב" וועט זיי אויפנעמען בסבר פנים יפות.

* * *

## אַ ליטעראַרישע מסיבה מיט ד"ר ש. מאַרגאָשעס אין ל. א.

אין דער גאַסטפרײנדלעכער שטוב פון חברה גאָלדע אַרפּין, האָט די שרייבער גרופּע ביים זשורנאַל „חשבון" מיט אַ היפּשער צאָל פריינט פון דער שריפט, גייסטרייך פאַרברענגט אַן אנגענעמען אָוונט מיט דעם חשובן גאַסט, שריפט־שטעלער, ד"ר ש. מאַרגאָשעס. די מסיבה איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון י. פרידלאַנד. אין זיין דערעפענונג האָט דער פאָרזיצער אָנגעוויזן אויף די גרויסע קולטור־שעפערשע פאַרדינסטן פון דעם ליבן גאַסט, און אַז זיינע אויפקלערישע אַרטיקלען הן אין יידיש והן אין ענגליש אין „ט.־מ.זש." העלפן אין אַ גרויסער מאָס צו דער אויסקריסטאַליזירונג פון אַן עפנטלעכע מיינונג אין דער יידישער אַמעריקע.

ביי דעם אָוונט איז אויך אויפגענומען געוואָרן דער לעצטער נומער „חשבון". דער רעדאַקטאָר האָט רעפערירט וועגן דעם מצב פון יידיש געדרוקטן וואָרט אין ל. א.; די דיכטער, מאַטעס דייטש, פּינטשע בערמאַן און ז. בונין, האָבן געלייענט פון זייערע לידער. ד"ר מאַרגאָשעס, אין זיין געזעגענונגס־וואָרט, האָט אָנגעוויזן ווי גאָר וויכטיק עס איז אַזאַ שריפט ווי „חשבון" אין דער יידיש קולטורעלער ל. א. נאָך דער פּראָגראַם פון אָוונט האָט אונדזער ליבע געטרייע גאָ"ע, ווי תמיד, מהנה געווען די געסט מיט אַ טעפּעלע קאַווע און פיינעם כיבוד.

* * *

**ד"ר ש. מאַרגאָשעס**, במשך דעם חודש פון זיין וויילן אין ל.א., איז אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן ביי דער יערלעכער ייוו"א קאָנפערענץ; ביי די צווייגן פון נאַצ. אַלרב. פאַרבאַנד; ביים אַרב. רינג; ביי אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג, גרופּע „אויפבוי" א.אַ. די רעפעראַטן האָבן שטאַרק אויסגענומען און אַריינגעבראַכט אין די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס אַ סך יום־טוב'דיקייט.

* * *

**אַ ליטעראַטור־אָוונט און וואָרט־קאָנצערט** איז דורכגעפירט געוואָרן פון יידישן קולטור קלוב לכבוד דער דערשיינונג פון לעצטן נומער „חשבון". זיגמונט לעוו, באַקאַנטער וואָרט־קינסטלער, האָט פאַרגעלייענט; הערי לאַנג, באַוואוסטער זשורנאַליסט, האָט רעפערירט וועגן יידישער ליטעראַטור און זשורנאַל „חשבון"; די דיכטער, מאַטעס דייטש און פּינטשע בערמאַן, האָבן פאָרגעלייענט לידער. רעדאַקטאָר י. פרידלאַנד האָט גערעדט וועגן „חשבון" און זיין פּעריפעריע.

---

**אויפמערקזאַם!** באַנייט אייער אַבאָנימענט אויפן זשורנאַל „חשבון". וואַרט ניט מ'זאָל אייך דערמאָנען עטלעכע מאָל. ס'איז אייער חוב אויפצוהאַלטן אַ שריפט אויף יידיש, וואָס דערשיינט אין דער גרויסער יידישער לאָס אַנגעלעס.

---

## אַריינגעקומענע ביכער אין דער רעדאַקציע

זעליג דאָרפמאַן: „ליכט אויפן דאָרן" (לידער). אַרויסגעגעבן פון מחבר, ניו־יאָרק 1960. פיין געבונדן. פון זעלבן מחבר: „זינג זינגער" 1938; „אַמאָל איז געווען אַ מלך"—1948.

* * *

י. ל. קאַלושינער: „אין ליכט פון מיין דור" (לידער). אַרוסגעגעבן פון אַ שרייבער קאָמיטעט, ניו־יאָרק 1960 מיט דער מיטהילף פון יוסף ווינעצקי פאָנד ביי דעם יידישן פען־קלוב. דאָס שער־בלאַט איז געצייכנט פון יצחק ליכטענשטיין. פיין געבונדן, 190 ז"ז.

* * *

פ. גאָרעליק: „אין די מלינער וועלטן" (נאָוועליע). פאַרלאַג י. ל. פרץ ביבליאָטעק, תל־אביב, 437 ז"ז. דערשינען אין יאָר 1960.

* * *

י. ראַפּאָפּאָרט: „תנ"ך אימפּראָוויזאַציעס", מיט אַ נאָכוואָרט פון מחבר. אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס, אַרגענטינער אָפּטייל בוענאָס איירעס, ה'תש"ך - 1960. פּרעכטיק שיין אַרויסגעגעבן. 260 ז"ז.

* * *

משה קנאַפּהייס: „אַ ייִנגל פון וואַרשע"—ראָמאַן אין צוויי טיילן, 8 ריינגען, 2 בענד, 1960—תש"ך. אַרויסגעגעבן דורך אַ יובל און בוך קאָמיטעט צום 50טן געבוירנטאָג און 30 יאָר ליטעראַרישן שאַפן פון מחבר. שער־בלאַט און אילוסטראַציעס פון יוסף ראַטנער־מירסקי, בוענאָס איירעס־נ.י. נאָמען געצייכנט פון שאול ראַסקין, נ.י. קעפּלעך פון די ריינגען: וואָלף באַנדורעק, בוענאָס־איירעס. פּרעכטיק שיין אַרויסגעגעבן. 288 ז"ז.

* * *

רבקה קאָפּע: „אַ ניי לעבן" (דערציילונגען). אַרויסגעגעבן פון דעם מחבר, מיט דער מיטהילף פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין פּאַריז. שער בלאַט געצייכנט פון בען, פּאָרטרעט געצייכנט פון העגריק בערלעווי, 156 ז"ז.

* * *

דוד ראַפּאָפּאָרט: „תאוות אונטער די שטערן"—געזאַמלטע לידער, פּאָעמען און באַלאַדן, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „נ.י. יידישער לטעראַטן קלוב, 1952, ניו־יאָרק.

* * *

חיים גאָלדזאַץ: „אַלע ווילן לעבן" (דערציילונגען). ענטהאַלט דריי אָפּטיילונגען: 1) אַרגענטנער לאַנדשאַפטן; 2) אין שיין פון דורות; 3) פאַר אַ בעסער לעבן. אַרויסגעגעבן אין בוענאָס איירעס, 1960. אילוסטראַציעס פון יוסף ראַטנער־מירסקי (ב.א.) און ד. טושינסקי (פּאַריז). 343 ז"ז.

* * *

ריקודה פּאָטאַש: „מולד איבער תמנע" (לידער). הוצאת ספרי תרשיש, ירושלים, תש"ך, 1960.

פון דער דיכטערינס ליד:

זוך מיר אויס אַזאַ לאַנד,<br>
זוך מיר אויס אַזאַ שלווה,<br>
וואו בערג ליגן צווישן וואָלקן<br>
און גאָט קיניגט אויף דייער באַלטן<br>
ווי הי<br>
אין עין גדי!

* * *

ד"ר ש. סיימאָן: „צוויגן" — שיין אַרויסגעגעבן אויף גוטן פּאַפּיר און האָט אַ שיינעם איינבונד. ענטהאַלט 18 קאַפּיטלען מיט פאַרכאַפּנדן מאַטעריאַל. חוץ וואָס ס'איז אַ דאָקומענט פון אומפאַרגלייכלעכן ווערט, זאָגט וועגן דעם בוך מאָריס סעמיועל: ...איז אויך רייך מיט מענטשלעכע טיפן און פּאַנאָראַמישן פאַרנעם. „צוויגן" איז אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „ייד־בוך" בוענאָס איירעס, 1960, 375 ז"ז. „צוויגן וועט אויך אַרויס אין ענגלישער איבערזעצונג ביים פאַרלאַג פון יידישער פּובליקאַציע געזעלשאַפט.

* * *

## זשורנאַלן און צייטשריפטן

„קינדער צייטונג", „זיין", „אויפסניי", „אויפן שוועל", „אילוסטרירטע בלעטער", „דער שפּיגל", „שריפטן", „אַרגענטינער ביימלעך", „דאָס פרייע וואָרט"—בוענאָס איירעס, אַרגענטינע; „די שטימע", „דער וועג", „מעקסיקאַנער בלעטער"—מעקסיקע; „אונדזער וועג" — שיקאַגע; „היימיש", „פּראָבלעמען", „ידע עם" במה לפולקלור יהודי—תל־אביב, ישראל.

# אָפּרופן פון ליבע, טייערע יידן

ליבער חבר י. פרידלאַנד:

איך שיק אַרייך דאָ בייגעלייגט 25 דאָלער לטובת דעם „חשבון”, וועלכן איר פירט אַן מיט טאַקט, ליבע און עקשנות.

זייט געשטאַרקט און האַרציק געגריסט,

**יוסף** און **דזשעני ווייגמאַן**

* * *

טייערער חבר י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר פון „חשבון”:

נעמט אַן מיין באַשיידענעם בייטראַג פון 10 דאָלער פאַר דעם פערטל־יאָר שריפט „חשבון”. זייט האַרציק געגריסט פאַר אייער אומדערמידלעכער אַרבעט אַנצוהאַלטן און באַפעסטיקן דאָס יידיש געדרוקטע וואָרט אין לאָס אַנגעלעס.

מיט קולטור־גרוס,

**שלמה** און **צילי צוקערמאַן**

* * *

**אונדזער פריינט גאַלפּערין**, שטיצער פון ייוו״א, דאָס יידיש בוך, שול־וועזן, יידישן קולטור קלוב, א.א., האָט אויך ניט פאַרזען אונדזער שריפט, מיט אַביישטייער פון 50 דאָלער, פאַר וואָס מיר דאַנקען אים האַרציק.

* * *

**ראָוז געסין**, פון וואַרוויק, ראָוד איילאַנד, דאַנקען מיר פאַר איר ביישטייער פון 10 דאָלער צום „חשבון”. חבר היימאַן געסין ע״ה איז געווען ניט נאָר אַ שטענדיקער לייענער פון זשורנאַל נייערט אַן אָפטער שטיצער פון דער שריפט. חברה געסין האַלט אַן די שיינע טראַדיציע פון איר ליבן מאַן ע״ה.

כבוד זיין הייליקן אָנדענק.

* * *

אונדזער וואַרעמער אָפּשאַץ צו די חברים **י. סאַפּיאַן** און **ווילי שאָר**, פאַר זייערע ביישטייערונגען צום „חשבון” פון צייט צו צייט.

* * *

## יהואָש לייען־קרייז

באַגריסט האַרציק דעם „חשבון”. זייט געבענטשט פאַר אָפּהיטן אין דערהויבן דאָס יידישע וואָרט. נעמט צו אונדזער בייטראַג פון 10 דאָלער.

מיט קולטור גרוס:

**חיה ניומאַן**, סעקרעטאַר

**קלאַראַ סילבער**, קאַסירער

* * *

**מיר דאַנקען האַרציק** אונדזערע ליבע טייערע לייענער, וועלכע האָבן אַזוי וואַרעם געענטפערט אויף דער בקשה פון אונדזער סעקרעטאַר, קאַלעגע כראַבלאָווסקי און באַנייט זייער אַבאָנימענט אויף דעם „חשבון”.

מיר׳ן זייער אָפּשאַצן, אַז די וועלכע האָבן נאָך ניט אַריינגעשיקט זייער אָפּצאָל, וועלן נאָכטאָן דעם שיינעםביישפּיל. (רעד.)

# דיכטער ז. בונין — אַ בן־שבעים

אונדזער זייער חשובער דיכטער, ז. בונין, שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „חשבון", איז געוואָרן אַ בן־שבעים. במשך די דריי צענדליק יאָר פון זיין וואוינען אין לאָס אַנגעלעס האָט ער זיך תמיד באַטייליקט אין די לאָקאַלע אויס־גאַבן, ווען אַזעלכע זיינען דערשינען, און איז אויך געווען אַן אַקטיווער עסקן אין היגן יידישן שול־וועזן, קולטור אַקטיוויטעטן און אין די ביכער קאָמיטעטן.

די פאָלגנדיקע פריינד, חברים און קאָלעגן באַגריסן אים וואַרעם צו זיין זיבעציק יאָריקן יובל און ווינטשן אים, צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי יעטאַ, אַריכת ימים און פיל שעפערישע יאָרן, עד מאה ועשרים שנה.

פינטשע און פעני בערמאַן
משה און חייקע גלאַזער
מאַטעס און באַשקע דייטש
פ. ריסקין און ברכה קודלי
יצחה און מוסי פרידלאַנד
ווילי און ליזע שאָר
אַהרן און גאָסי אייעראָף
יוסף און ווערא גאָלדבערג
חבר משה קאַפלאַן
פריינד קאַפלאַן סעניאָר
מאָרים און מאַני פאַרבער
פריינד סעם פאָול
חברה גאָסי סאַרטאַ
חברה מלכה רויזענבלאַט
יהושע און מלכה ניומאַן
יחזקאל בראָנשטיין
כאַשע באַשע און חיים דאַרנאָ

חבר און חברה נעדעלמאַן
סטענלי בונין
חברה יעטאַ בונין
מענדל און בעקי קאַנטער
חבר י. ראַשעל
טשאַרלס רעמער
לאה און מענדל גאָלדפאַרב
חבר און חברה קאַרפמאַן
חבר ה. ווייזעל
חבר און חברה אַפטייקער
אַלעקס און שפרה ראבינס
חיה און יצחק ניומאַן
עלען און א. כראַבלאָווסקי
ליובע און א. באַביטש
פריינד אַהרן פינסקי
חברה גאָלדע אַרפין
נח און לאה גאָלדבערג

## אַ רונדע ציפער פון (25) פינף־און־צוואַנציק!

● אַוודאי איז עס אונז אנגענעם צו פאַרצייכענען, אַז קומענדיקער נומער פון אונדזער פערטל־יאָר שריפט „**חשבון**" וועט שוין האָבן אויף זיך די רונדע ציפער פון 25. צו דער פייערלעכער געלעגנהייט וועט אַרויסגעגעבן ווערן אַ פאַרגרעסערטער נומער „חשבון" מיט אַ גייסט־רייכן אינהאַלט פון אַרטיקלען, עסייען, לידער, דערציילונגען און באַגריסונגען צום „חשבון" פון פריינד פון יידישן וואָרט און קאָלעגן פון איבערן לאַנד און פון ישראל.

אדרעסירט אייערע בריוו אויף דעם אַדרעס פון „**חשבון**"
4375 סאַנסעט דרייוו      לאָס אַנגעלעס 27, קאַליפ.

## יעקב זיפּער, פון מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, און א. שטיינמאַן, פון ישראל, די ערשטע געווינער פון דעם י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד פאַר דעם יאָר 1960

די זשורי פון דעם י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד, וואָס באַשטייט פון די קאָלעגן: יחזקאל בראַנשטיין, מאַטעס דייטש און ה. לאַנג, האָבן נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת, נאָך דעם ווי זיי האָבן דורכגעשטודירט אַ היבשע צאָל עסייען און דער־ציילונגען פון אַ גרויסער צאָל מחברים פון אַ סך לענדער, מיט דער נאָענטער קאָ־אָפּעראַציע פון פּרעמיע־געבער, קאָלעגע י. פרידלאַנד, איינשטימיק באַשלאָסן צו־צוטיילן די ערשטע צוויי פּרעמיעס פאַר דער בעסטער דערציילונג און בעסטן עסיי פאַר דעם יאָר 1960, צו די חשובע שריפטשטעלער: יעקב זיפּער—פאַר זיין דער־ציילונג, א.נ. „דאָס אמתע בילד“, און צו א. שטיינמאַן, פאַר זיין עסיי א.נ. „דער נס בעל־שעם־טוב“, געדרוקט אין דער „גאָלדענע קייט.“

ביידע פּרעמיעס וועלן אויסגעטיילט ווערן צו די גליקלעכע געווינערס, ביי אַ

## פייערלעכן ליטעראַטור־אָוונט און קאָנצערט, שבת אָוונט, דעם 21־טן יאַנואַר, 1961, אין דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב

אונטער דעם אויפזיכט פון דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב און דעם ל. א. יידישן פּע״ן קלוב, אַן אָפּצווייג פון דעם אַלוועלטלעכן פּ.ע.נ. קלוב, פון וועלכן דער פּרעמיע־געבער, י. פרידלאַנד, איז דער פּאַרזיצער.

מיט דער עטאַבלירונג פון דעם י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד, האָט די יידיש לאָס אַנגעלעס אַ האָסטיקן שפּאַן געטאָן פאָראויס און זיך פאַרמאָסטן צו שפּילן אַן אַנגעזעענע און אַקטיווע ראָלע אין דעם המשך פון אונדזער ליטעראַטור.

ביי דעם פייערלעכן ליטעראַטור אָוונט און קאָנצערט, שבת, דעם 21טן יאַנואַר, וועט די באַוואוסטע שוישפּילערין און טאַלאַנטירטע זינגערין, אַניטאַ פריינדליך, פאָרטראָגן לידער פון אונדזער ליטעראַטור, פּיאַנאָ באַגלייטונג פון מיס ענן נוסבאַום, און די קאָלעגן, יחזקאל בראַנשטיין און מאַטעס דייטש, וועלן אַנאַליזירן און באַלייכטן דעם ליטעראַטור־ווערט פון דער דערציילונג פון יעקב זיפּער און דעם עסיי פון א. שטיינמאַן, די געווינערס פון די ערשטע צוויי פּרעמיעס.

באַגריסונגען: פון קולטור קלוב, דער וואָרט־קינסטלער יעקב ניומאַן; פון פּע״ן קלוב און „חשבון“, דער דיכטער פּינטשע בערמאַן.

דער פּרעמיע־געבער, י. פרידלאַנד, וועט האָבן דאָס לעצטע וואָרט און פאַנאַנדערטיילן די פּרעמיעס.

די פּרעמיע פייערונג וועט געפירט ווערן אונטער דעם פאָרזיץ פון דעם שריפטשטעלער, ה. לאַנג.

### י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד

די זשורי: יחזקאל בראַנשטיין, מאַטעס דייטש, ה. לאַנג
יחזקאל בראַנשטיין, סעקרעטאַר